STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03068

MIT HOLEM IBER THOM

Shlomo Shenhod

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שְׁלֹמֹה שֶׁנְהוֹד

*

מיט חלום איבער תהום

ל י ד ע ר

שלמה שנהוד

מיט חלום איבער תהום

לידער

פארלאג „מנורה" תל־אביב
תשכ"א - 1961

SHLOMO SHENHOD

MIT CHOOLEM IBER T'HOM

WITH DREAM OVER DEPTH

צייכענער — שמעון פאָגעלמאַן

הוצאת ספרים „מנורה"
רח' זנגביל 24, תל־אביב
י ש ר א ל

כל הזכויות שמורות
All rights reserved

נדפס בישראל
Printed in Israel 1961

דפוס „אלישע" בע"מ, ת"א, רח' הבטחון 53

אויסדויער

דער ים —
אויסער אים, בלויז די גרויסע זאַכן.
און איבער אים — הימל מיט גאַלאַקסישע הייכן.

און דער שיפער —
ווי וועט ער צו גרויסקייטן גרייכן,
אַז נישטיקייט לויערט אין וועג און וויל זען
ס'זאָל קיינמאָל זיין גאַרונג
צום ציל נישט דערגיין...

שפּרינג וועג אים אַנטקעגן!
אַנטקעגן איינעם וואָס פּירט זיין שיפל געוואַגט
צו שוועלן ערגעץ ווייט —
און אַליין — —
— — — —

און זאָלן ליכטער זיך צינדן.
פייערן זיך צעלייגן.
אים, וואָס באַשערט איז צו שיפלען יחידיש,
גענוגט נישט בלויז לאַקיקע פונקען,
עס מוז זיך אַ פאַקל צעצינדן אים!

און ביז דאַן —
וועט איינזאַמקייט לינדערן אים.
און ביז דאַן — וועט כוח זיך אים מערן.
כאַטש שעלמיש לויערן כוואַליעס דעם וועג אים פאַרצערן,
און לעשן אַרום אים און זיין שיפל דעם ים
מיט אַלע געטובלטע שטערן.

געטלעך

ווי אַלעאַנדער־קרוין די קנאָספּן
קוועלט גאָט אויף דאָס בלוי אין שויב.

אויף דעם רינווע־בויג פאַרלאָזטן
נעסט זיך ברוין די טורטלטויב.

אינעם המשך־גלי פאַרמאָסטן
שטייט מיין גאָרטן פרום פאַרגלויבט.

טאָרגן שירהדיק די פייגל
בויגנפאַרב־באַזוימטע הייבלעך,
און די טויב אויף רינווע־בייגל
האַלט צום קראַנען־שפּריץ אַן אייגל
פאַרשפּיגלט ווי אין טויזנט שייבלעך.
און איך מוטערלעכער אויפוועק
אָטעמט גאָט און פילט אים לייבלעך,
דורך אייערשעלעכלעך אין דופק
פון נאָכנישט אויסגעפּיקטע טייבלעך.

בלויער פרילינג־פלייץ דורך שויב
גיסט זיך האַרב אין מיינע גלידער.

מיטן גאָרטן טיף איך גלויב:
אין המשך גלי־בלי גלויב איך ווידער.

ווי דורך שעלעכלעך די טויב,
אָטעם גאָט איך דורך די לידער.

לידער
פון
דער
שויב
ארויס

[1952—1953]

אינעם מיניאַטורן־שפּיגל
קריגט דער חלום וואָרע פליגל;
דינסטער וווּנק איז טיפסטער מיין,
דאָס געאַנטע — ס׳פּולסטע זיין.

געבורט

גיכער, גיכער,
לעש די שויב.
דער לעצטער שטערן
וויל פֿאַרבלאַסן.

גיכער, גיכער,
זאָל דער שטערן
זיך מיט בלאָער
שויב פֿאַרקנסן.

וועט פֿון דעם פֿאַרקנס־פֿאַרקנופּ
טרוים אַרומגיין וואַך אין שטוב.

אין שויבן-רוים

לאָמיר אָפּשטויבן די שיך:
די װעגן זענען הייליק דאָ
פֿאַר ריינעם טראָט.

זע, אַנטקעגן אונדז, צו זיך
האָט שויב שוין איינגעזאַמלט דאָ
שטערן אויף אַ סוד.

שאַ! אין שימער פֿון בריליאַנטן-ליכט
װעט מיט הויכן שפּרייז אַדורך
דער טראָט פֿון גאָט.

לאָמיר אָפּשטויבן די שיך —
און װערן איינגעסודעט דאָ
אין שויבן-סוד.

בלאָע לעגענדע

אַ האָרן־לבנה שווימט־אום אין מיין שויב.
איך שפּאַן אין דרימל אַריין און פּאַוואָליע
צוויי שטרייפן פון שטערן פאַר וויעסלעס איך קלויב,
פון האָרן־לבנה איך מאַך — אַ גאָנדאָלע.

דער הימל־ים גלאַטיק אָן כוואַליעס צעפּליוצט,
קיין רינגלען אפילו אויף אים נישט צערינגלט.
עס גליווערט אַריין אַ פאַרחלומטער רייץ,
די שטילקייט אַליין איז ציטריק צעפינקלט.

איך גיב זיך אין אימפּעט אַליין אַ צעשיפּל —
די בלענדיקייט נעמט זיך צעפירן אויף סטרונעס
פון שטערן־געשטראַל, לויטער טענער געשליפן,
איבער דער האָרן־גאָנדאָלע־לבנה.

ס׳טוט שטערן-געשימער אַ טאַנציקן ברויז
אין מיטן דעם זילבער-בלאָ-בלענדיק געדעק.
פליט פינקל-געציטער מיט ניגון אַרויס
און קרייזט אין די מילעך-אַלייען אַוועק.

צוריק קומט דער ניגון אין קלאַנגען געשפליטערט,
ביז לעצטן וויבריר פון סטרונע פאַרקלונגען.
פאַרהויבן אין וואַרקייט איך גאַפ און איך ציטער;
אַ סוד פון סודות זעט אוים ווי פאַרזונקען.

איך שפיר: אָט גייט דאָ אַ יענער באַשיידן
אַרום מיט אייביק-פאַרהוילענעם טראָט.
דערקענטעניש ווערט... נישט פונאַנדערצושיידן:
ס׳איז אייגענער אָטעם? צי אָטעם פון גאָט?...

גאָט! איז דאָס **יענער**? ס׳איז דאָך אייגן געזיכט!
ווי קומט עס? ווי קומט עס? און אפשר, ווער ווייס,
אונדזביידן באַהעפט האָט בראשיתדיק ליכט,
פאַרקנופט און געקערפּערט — געוואָרן אַן **איינס**?

כ׳האָב אויפגעהערט פילן דעם **איך**, מיך אַליין,
נאָר **יענעם**, דעם **יענעם**, וואָס כ׳האָב אים דערשפּירט.
און **יענער** הערט אויף צו זיין **ער** אַליין,
ווערט **איך**, מיין **איך**, וואָס ר׳האָט אים באַרירט.

מען פילט נישט צי שווימט מען, צי איז מען אין גלייז גאָר?
אַלץ רונד-אַרום שוועבט-אַן אויף קאַפּויער,
ביז אַ שטערן-פאַרגליטש דערמאָנט אָן דעם בייזוואָר —
דעם אָפּגרונט. אַ סימן — די ערד אונטן לויערט.

צעריסן די נעצן פון גלאַנציקן דרימל —
די שויב פון די הענט נעמט אַרוים מיר פּאַוואָליע
דעם שטערן-געשטרייף — די וויעסלעס פון הימל,
און פריי זי לאָזט שווימען מיין האָרן-גאָנדאָלע.

ס׳לייזט-אויף זיך דאָס בלאָ פון שויב און פאַרזיגלונג;
יענעם פאַרהימלט די ספער פון אָן-ענדן — —
בלויז מיך האָט פאַרכאַפּט דאָ די שויבן-פאַרשפּיגלונג,
פאַרבליפט און פאַרבלענדט ווי אַ בלאָע לעגענדע.

שטילע התפעלות

די שויב —
אָ, כישוף־וויגנדיקער שוים! —
אַ בלאָע וועלט מיט זילבער־שליף באַקרויזט.
דער לאָמפּ און די לבנה טויכן־אויף,
ווי פון אַ בלאָען טייך אַרויס.

דער לאָמפּ איז בלאַס, די לבנה — אויסגעלאָשן
עס פּיקן זיי די שטערן,
און אויף נישט צו בלאָנדזשען —
לאָזן צייכנס אין די ספערן,
ווי פון פיילנבויגן אויסגעשאָסן.

דער גאָרטן זוכט דעם הויכן זונענגאַנג,
וואָס האָט זיך דאָ געוויגט אין שטילן גלי,
ער זוכט די פרילינג־פרייד, וואָס אויסגעפליגלט
האָט די מורטלטויב אין פלי.

די שויב! די שויב! —
שרייט־אויס התפעלותדיק אין מיין געמיט,
זי שטייט פאַרגלייזט, אַ נעגאַטיוו, און היט
אַ וועלט, אַ נאַכטיקע, צום גלאָז געשמידט — —

אויף איר בלאָ־גלאַזור מיין חלום גליט.

ניכטער

אין ווייסער נאַכט
פּאָלירט אין זילבער זיך מיין שויב
און רויבט
די דימענטיקע שטערן.

לבנה לאַכט:
פון דימענט־רויב
וועט גאָרנישט ווערן.

די וויטע ווייט
פאַרלויפט זיך אויף דער שויב:
אָט גייט זי נאָענט ווערן.

לבנה ווייסט:
פון ווייט, פאַרלאָפענער אין שויב,
וועט גאָרנישט ווערן.

שטייט זי גרויס
און ניכטערט דורך דער שויב
פון פּיקחות־ספערן.

מיין חלום לאַכט:
פון ניכטער־שמיכטער —
הער און גלויב —
וועט אוודאי גאָרנישט ווערן.

אָפּגענאַרט

אין מיין שויב אַרומגעוואַנדערט
האָט אַ וואָלקנדל ביינאַכט
און אַריינגערעגנט שטערן
פון אַ חלום צוגעבראַכט.

שיין וועט טאַקע זיין, אַז מאָרגן
וועלן אין מיין בלומען־וואַזע
אויפגיין ווייסע הימל־שטערן
אין דעם בלי פון עולם־הזה.

וואָלט געווען... האָט דאָך אָבער
סיי דעם וואָלקן, סיי דעם רעגן
דורך מיין וווּנדער־שויב ביינאַכט,
און אין וואַזע — צווייט פון שטערן
בלויז אַ חלום צוגעטראַכט.

דריי שויבן

שויבן צוויי פאַרמאַגט מיין פענצטער,
איינע האָט די טיר.
שפּיגלען אַלע דריי כסדר
אי צום דרויסן, אי צו מיר.

איינע גייט צו מזרח־זייט,
די צווייטע קוקט צו מערב,
די דריטע אינדערמיטן
איז מיין טרויער מקרב.

קומט אָוונט אָן — גייט־אויף אַ שפּיל
פון שטילע פאַרבן־טענער.
ווייס איך נישט אַ וועלכער טאָן
קלינגט־אויס זיין פאַרב דאָ שענער.

די ערשטע דרינזשעט זריחה אויס,
מיט שקיעה — צווייטע זשומעט.
די דריטע אינדערמיטן
שייבלט מיט מיין אומעט.

ציט מיך יענע, וועל איך אפשר
דאָרט די צוויי געפינען.
פונעם אומעט אין דער דריטער
קאָן איך נישט אַנטרינען.

שווייגעניש

זי קאָן מיך נישט צעוויגן
מיט באַגינען־ניגון.

זי הילט מיך איין אין נאַכט.

די שויב, וואָס האָט דערוואַכט
צו רייטלדיקע זריחות
אַ פינקל צו טאָן ווי טוי,
האָט אויף איר וועלט געטראָפן
קראָפּעווע און דערנער קריכן.

אַ שמעק געטאָן:
סם — —

אַ בליק געטאָן:
שאָטנס,
און אָפּגעשפּיגלטער קידער־ווידער.

האָט זי פאַרשטומט, און איינגעזיגלט
שווייגעניש אין מיינע לידער.

איין גורל

שויב,
אַלע בענקענישן לויפֿן דיר אַנטקעגן
און דערגרייכן נישט די שעה
פֿון דיין ערשטער רו.
דעריבער שטייען מיר,
אָפּן שטייען מיר,
צו די אַלע יִחוּד־ווענן —
איך און דו.

שויב,
אַלע זונען ווערן אויסגערונען
איידער עס שטראַלט־אויף די שעה
פֿון דיין ערשטער רו.
דעריבער טראָגן מיר,
אין האַרצן טראָגן מיר,
בלענדנדיקע חלום־זונען —
איך און דו.

לעילא

וואָס טויג אייך צו הייבן דעם קאָפּ,
אים פֿאַררייסן צום הימל. אַ מער
נייגט אים צו שויב דאָ אַראָפּ
און בענטשט איר פֿאַרחלומטע וואָר,
וואָס קאָן אַזוי שפּאָר
אונדז געבן דעם הימל אויף דר׳ערד.

בענטשן דורך שווייגן — —

און פילן פון נידער
ווי שטייגונג נעמט שטייגן.

דערלייזונג

די שויב —
אַ הימל־געוועלב, ווייסער שטערן־פּלייץ, —
וויל אויסשיטן שטום געבלאַ,
נאָר ס׳האָט עס חמסין
פאַרגלייזט אין גלאָז.

די שויב —
קאַנטיק־דין־און פלאַכע וועלט —
האָט איר אומעט צו די אויגן מיר
אין דרימל צוגעשטעלט.

האָב איך מיין שטערן היים אין איר געזיגלט,
און זי האָט מיך אין שטומען צער
אַריינגעעיגולט.

דרייט זיך, דרייט זיך אין מיין דרימל
שויבן־וועלט און שפּיגל־הימל,
אין כישופדיקן שטערנקרייז.

כישוף, שטומער כישוף, גלייז
דעם טרויער אויף פון גלאָז;
זאָל דאָס שווייגן,
זאָל דאָס ליידן,
אויפגיין פריי אין גרויסן ריידן.

פאַרשוואָנקענער חלום

דער ים קומט צו פליסן, פלייצט־איבער די שויב,
פאַרשווענקט מיך אין דרימל אין מיינעם.
איך שווים דורך דער שויב צום ים און איך שטוין;
אַלעאַנדער צו מיר האָט אַ טענה:

„ווי לאַנג וועל איך היטן די שויב און דיין חלום,
דיין שׂריפה־וואַנט בריִען וועט מיך, אַלעאַנדער,
כ'וועל נעמען די קנאָספּן, די אָפענע בלומען
אַוועק אין אָן־סופיקן־לאַנד מיר.

פאַר שויב און פאַר פענצטער אַ ציר בלויז מיר זענען?
עס טרעפט, קאָנסט אַ ליד מיט מיר גראַמען?"
אַזוי־אַ ער טענהט — און איך, איך גענען אים
צו שויב צו געקילטער, זאָל שווענקען דער ים אים.

די קנאָספּן דערפרישט שוין, פון ים אָפּגעצוואָגן,
זעט ראָז ער פון אונטער אַ וויִע,
עס ברענגט איצט דער ים־פלייץ אין שויב אָנגעטראָגן
אַ זריחה געכישופט פון שקיעה...

פאַרטאָג. אַלעאַנדער, די וואַנט ווערט גאָר ליב אים,
דאָס פענצטער — די אָפענע רו־ברעם.
און טייער דאָס דינען אַ גראַם פאַר מיין ליד אים
און ליב — מיין פאַרטרונקענער חלום.

גענאָד

גוט —
אַז שקיעה־פּלייץ טוט בלאָ מיט ראָז פאַרפלעכטן,
און דעם בלומען־קוסט — חמסין־צעפרייכט.
ליגט אין טעם
קראַנען־וואַסער נאָך פון נעכטן.

און גוט —
אַז פון דער איבערפלייציקער יצירה
(כ׳האָב דערפון קיין פינטל נישט גענאָסן)
האָב איך אויך נאָך וואָס צו שענקען.

אָט —
בוקט זיך צו מיין שויב אין בענקען
אָלעאַנדער־קרוין פון קנאָספּן,
און די בוגענוויליע אין דרימל
בעט נאָך אויפשפּריץ פון פאָנטאַנען,
ווי גרודעס ערד — גענאָד פון הימל.

איך —
האָב זייער תפילה־טאָן פאַרשטאַנען
און איך עפן־אויף די קראַנען.

מיטלייד

ניִשט אַנדערש —
דער אַלרוים אין שויב, זיין בליאיקע שפּע,
שפּילט פּאַסטאָראַלן אַרוים פון דער רו
דעם אָלעאַנדער, צעבליט אין זיין שטילקייט,
און רויטער היביסקוס הערט־צו.

ער שטוינט נישט פאַרגאַפּט,
ער פאַרשטייט:
דער ניגון פון שויב —
אַ רויט־שקיעהדיקער ניגון־פאַרפיר;
פאַרן אָלעאַנדער
און בוגענווילִיע,
פאַרן היביסקוס
און — פאַר מיר.

און דער היביסקוס איז גאָר נישט פאַרגאַפּט.
ער פאַרשטייט:
די גרויסע זון ווי ער פאַרגייט.
דעריבער, פייערדיק צעקרייזט,
האָט זי זיך אין שויב פאַרגלייזט.

אָט —
שרויפט זי זיך, די בלום, פון פאַסונגשוים,
און אַ קנאָספּן־רויט פון ס'ניי
פּיקט זיך אין דעם זינקענדיקן אָוונט אוים,
אָפּצוּוואַרפן טויטנבלי אין טונקל־בלאָ
ביי די קלאַנגען פּאַסטאָראַלע פון דער רו...

און איך —
אַ גאַנצן אָוונט בין איך אין צערים פון מיטלייד
צום אָלעאַנדער און בוגענווילִיע,
צו דער זון און די שויבן,
צום פריש־צעבליטן קנאָספּן־רויט
און —
צו זיך.

ביי דער שויב

כוואַליעס בײַטשן זיך מיט כוואַליע־בײַטש —
פֿאַרלויפֿן אויף מײַן שויב.

זאַמדן, פֿאַרקלערט אין רוישיקן געשוים,
דערהערן
ס'טויכנדיקע סיטשען פֿון די שטערן.

זיי זינקען אויף די מושל־טעלערלעך צום תהום.

לבנה זוכט דעם משה־שטעקן
ער זאָל אַ פּראָל טאָן
און אויפֿשפּאַלטן
איר אין ימען־תהום אַ וועג.

זי וויל אַרויסהייבן צום ברעג
די טעלערלעך צעבליצטע
אויף אירע זילבער־ווײַסע שטראַלן־הענט — —

און ווייסט נישט,
אַז בײַ אַלע ימען טרינקט זיך איצט דער שטערן־בלענד.

אין קלעם

הײנט אָװנט האָט דער אַבאַזשור גענומען
שפּיגלען אין מײן פענצטער —
געצונדן זיך מיט בוגענװיליע־בלומען.

האָבן זעאונגען זיך אַלע אױפן אַבאַזשור פאַרקליבן;
נישט מיט פלאַטער אָנגעפלױגן,
נישט אין שרעק געטריבן,
נישט פון טרױער אומגעריכטן — —

זײ זענען געקומען מקבל־פּנים זײן
דעם אױפשײן פון די ליכטער.

זעאונגען, מײנע זעאונגען!
װער האָט עס אײך באַװױגן
אומצוקומען אױף שײטערלעך פון ליכט
פאַר מײנע אױגן?

און אין אַלרױם פון שויב דער גאָרטן שעמערירט.
דער אַלעאַנדער פאַר אײך אין קרײַנדלעך זיך צירט
און צעראָזט מײן צימער.

הײנט אָװנט האָב איך קלאָר געזען: די שויב אין גלימער
שליסט די גאַנצע שקיעה מיטן גאָרטן אײן —
און די זעאונגען?
זעאונגען!
װאָס איז מיט אײך געשען???

הײנט אָװנט האָב איך זײ אין פיבער־פלאַם געזען,
אין שױבנרױם מיט חלומדיקע טענער,
װי אין אַ צװאַנג:

אין ליכטער־קלעם פון ד ע ר זײט,
און אין פינצטערניש — פון יענער.

געטראָנקענע שטערן

אַלע שטערן קומען־אום אין אומעט
פון דער שויב.

אונדזער שויב האָט ימען אומעט שוין פאַרשוואָנקען.

דעריבער קומען
אין דער שויב אַריין געשווומען
די שטערן,
און ווערן
אין אומעט געטראָנקען.

שטערנפֿאַל

אַ שטערן לויפֿט אין אייליקן געלויף.

— פֿאַרוואָס לויפֿט דער שטערן?
— פֿאַרפֿירט צו ווערן.

— וואוּהין לויפֿט דער שטערן?
— צום גאָרנישט־ווערן.

— ווער פֿאַרלאָקט דעם שטערן?
— שויבן־ספֿערן.

אַ שטערן לויפֿט אין אייליקן געלויף —
אין־סופֿיק ווערן.

שויבן

מזרח־שויבן — קינדער־אויגן,
מילד צעעפּנט צווישן
הזיעס.
ס׳זאָגט אין זיי דער רעגנבויגן
קיום אָן פּאַר גאַנצער
בריאה.

שפּיגלען מיר אין מערב־שויבן
ציטריק־אויסגעבענקטע
ראיה —
פאַלן האָריזאָנטן, טויטע טויבן,
ווערן —
שקיעה.

אַ מעת-לעת אין שויב

וואָלקן,
שפּיל זיך נישט מיט מיינע שויבן.

באַגינען
שטעלט זיך אוים אין זיי דער גאָרטן —
ווייסטו נישט דערפון? —
מיט דער ברייט-געשטרעקטער פּאַלמע,
מיטן צניעותדיקן פיקוס,

און היביסקוס —
ביי די ראַנדן —
רויט פֿאַרדרייט די אָלעאַנדרן,
און אויף זיי
די זון.

וואָלקן,
שפּיל זיך נישט מיט מיינע שויבן.

ביימאָג
וואַכן דאָ פֿאַרגאַפּט די רוימען,
מיר געשפּיגלט אין די אויגן.
אין געשליף פֿון שויבן־זוימען
וועלבט אַמאָל זיך רעגנבויגן.

וואָלקן,
שפּיל זיך נישט מיט מיינע שויבן.

שקיעה
גלייזט אַ קרייזל גאָלד אין קרייז
ביז די שעה ווערט שפּעט.
ווערט פֿון קרייזל שטערנווייס,
און פֿון גאָלד — פֿיאָלעט.

וואָלקן,
שפּיל זיך נישט מיט מיינע שויבן.

נאַכט
פֿאַרטרייבט אין זיי לבֿנה
טשאַטעס שטערן פֿון דער הייך,
ווי ס׳פֿאַרטרייבט דער פּאַסטעך באָדן
סטאַדעס גענז אין טייך.

וואָלקן,
שפּיל זיך נישט מיט מיינע שויבן,
לאָז זיי לויטער שטיין — —
ווייל די שיפֿלעך פֿון מיין חלום
קאָנען אונטערגיין.

רעלאַטיווע וואָר

שטערן,
וויפל ליכטיאָר האָסטו אָנגעשטערנט
אין דער שויב דער קאַלטער ?
ווערנט,
זי האָט גאָרנישט אויפגעהאַלטן;
רק —
גענומען און פאַרלאָרן,
ווי אַ לעכערדיקער
זאַק.

שטערן,
וויפל מיר האָבן ביידע אָנגעוואָרן
ווייס איך נישט צומאָל.

נאָר, —
אַ סברה, —
לויט דער רעלאַטיוו-וואָר —
די זעלבע צאָל.

אייביקייט

אַ שטערן האָט אין שויב
דאָס ווינקל אויסגענוצט,
און בלאָ אַ שליף אין גאָלז
צעבליצט.

ווערט דער בליצן־שליף פאַרקריצט.

— איז וואָס ? —

גייט עס טאַקע וועגן שליפן־קריץ
וואָס פינקלט אייביק אויס
דעם שטערן־בליץ.

נאַכט אין פענצטער

ס'איז נאַכט אין מיין פענצטער.

אין שויב דער קאַלט-גלאַזוריקער
טוליען זיך די שטערן
צום איינגעלאָשענעם פיאָלעט
און ציטערן.

דער וואָלקן שרעקט מיט בייזע שאָטנס,
גנבעט שטערן פון דער שויב,
און נאַכט פירט אים, ווי אַ בלינדן,
ביי דער האַנט.

דער וואָלקן האָט דערהרגעט דעם ערשטן שטערן —
איז ער אומגעקומען
אין שוואַרצן לאַבירינט פון שויבן-רוים.
קרעכצט די שויב:
וויי, וויי!
טוליען זיך די ברידער-שטערן
צו אַ ווינקל צו,
און ציטערן...

און אַז וואָלקן שרעקט אַלץ נאָך מיט געוויטערן —
האָט פיאָלעט אין שויב
אינגאַנצן זיך פאַרלוירן...

ווערט נאַכט, נאַכט, טיפע נאַכט, געבוירן.

אַ תפילה

איך בעט
עס זאָל די שויב מיר נישט פֿאַרבייטן
טאָג אויף נאַכט
און בלאָ
אויף גראָ.

איך בעט
צום טיפֿן טרויער,
וואָס בלאַנקעט אין איר רוים אַרום:
ער זאָל דעם שטערן,
מיין גורל-שטערן,
אין זיין נעץ מיר נישט פֿאַרשפּינען.

און בעטן בעט איך
פֿאַרן חלום,
מיין וואָרן חלום,
וואָס קאָן זיך נאָך אין שויב צערינען.

פארלוירענער
גאנג

[1939—1960]

דער הײַנט גײט־אום מיט הויכע רײד
צו שטײַגן העכער שטערן.
נאָר אַן אומרו דרײט
און גרימט
אויף צו פֿאַרצערן.

גײ נעם אַזאַ מין הײַנט — פֿאַרער אים;
די הויכע רײד,
זײַן שטײַגן העכער שטערן —
אַז אונדז,
פֿאַר אונדז נאָך אַלץ ער גרײט
שרעק
און פּײַן
און טרערן.

טרוים-וואָר

פון אַלע מײַנע טראַכטענישן: וואָר, טרוים און צוועק, —
אין טעג וואָס גייען פון זינען אַראָפּ;
ווען ס׳דונערט אַטאָם-שׂנאה איבער קאָפּ,
ווען ס׳צאָרנען ראַקעטן ווי אָפענער תהום,
וועבן די טעג מיר אַן איינציקע וואָר מיר, די טעג —
די וואָר פון טרוים.

וואָר פון טרוים — איבער תהום?

גאָט פון מענטשלעך באַנעמען און צוים!
וואָס וועט פון מײַן טראַכטעניש ווערן?

בײַ אויסגעהלומטע געטלעכע ספערן,
בײַם פאַרהוילענעם ברעג פון אָנענד,
שטייט דער פאַרבלענד,
שטייט דער פאַרנאַרער
(דער איינציקער האַר ער
פונעם יש אין די הענט)
און שפּרייט די פליגל פון זײַן קעניגרײַך דורך רוים
ביז ברעג פון תהום.

— נאַ-נעם, מײַן פליגל באַריר,
דער יש איז פאַר דיר!

עפן איך די האַנט,
שטרעק זי אַנטקעגן,
און וואַג און פאַרלאַנג
די פליגל מיר געבן.

טוט באַלד די פליגל בלאָ-גאָלד אַ פאַרגלײַז,
זיי פאַלן, פאַרוואַרפן די פאַרבן — אַ נעץ פאַר מײַן גייסט — — —
— — — — — — — — — —

פאַרכאַפּט מיך דער טרוים —
די איינציקע וואָר געוועבט איבער תהום.

חלום פון ווערן

א.

אין זוימפאַלד פון אָוונט צאַפּלט איינזאַם צעפינקלטער שטערן.
אַ לויטערע טרער לעזט זיך אויף געהיים
אין פערפל פון ווייך.
פון צווישן
שמחה
און טרויער
איז דער חלום אַרוים
אין פאַרמעבט
צו ווערן.

און קיינער ווייסט נישט: וואָס אויסגעלייזט ווער ווערן דאָ.
און קיינער ווייסט נישט: וואָס פערפלט, ווייך צו טרערן דאָ.
און קיינער ווייסט נישט וואָס
ווערט פון חלום ווערן דאָ.

ווייל:

דער מענטש איז —
טרער אין געהיים.
דער מענטש איז —
פערפל פון ווייך.
דער מענטש איז —
איינזאַמער שטערן.
דער מענטש איז —
חלום פון ווערן.

גליאיקע לאַנדשאַפט

ב.

גליאיקע לאַנדשאַפט אַרום אַן אויסגעהאַקטן ווייאיקן וועלט-וואַלד;
אין די וואָרצלען שטומט דער שטורעם.
און צער פון פאַרשניט
איז פאַרפלאָנצט
אין די קאָרעס,
געמישט
מיט בלי-פרייד פון נאָכנישט
אויפגייענדיקע
קרוינען.

און קיינער ווייסט נישט: ווער אַרום ווען איצטער גליט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט: ווער איז וועמענס צער פון שניט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט ווער
אין וועמען בליט דאָ.

ווייל:

דער מענטש איז —
לאַנדשאַפט וואָס גליט.
דער מענטש איז —
וואַלד אין פאַרשניט.
דער מענטש איז —
שטורעם וואָס שטומט.
דער מענטש איז —
פרייד וואָס קומט.

ק י ו ם

ג.

ווידערוווּקס פון ווידערוווּקס דרעמלט ש ו י ן אין שאָטן פון שניט.
די וועלקונג נעמט דערציילן דעם בלי
זיין זיכערן פארגיי.
אין אכזריותדיקן
שפּעטנאַכט
געאיילט
צו טיף־פינצטערער מיטנאַכט —
טליִעט ש ו י ן
דער פרימאָרגן.

און קיינער ווייסט נישט: ווער וועמען פאַרוויגט און באַזיגט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט: ווער וועמען באַצווינגט און דערדריקט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט ווער
טריוּמפירט זיין זיג דאָ.

ווייל:

דער מענטש איז —
דער אין־סוף אליין.
דער מענטש איז —
פאַרגייאיק געביין.
דער מענטש איז —
פאַרוועלק און אוים.
דער מענטש איז —
פון קיום די שוים.

אַלאַרם

ד.

געשרייען פון אונטערגאַנג שניידן געפּעכט ווי שאַרף פון חלפים,
ווי בשורה פון שוואַרץ-סוף צעהודזשעט.
וואָלקנס געלאָדן מיט בליץ
דראָען פינצטער
מיט קראַך!
די לאַנדשאַפט
שטיקט זיך פון אויפרייס
וואָס הענגט
איבער קאָפּ...

און קיינער ווייסט נישט: ווער פון וועמען איז פאַרווירט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט: ווער וועמענס דראָאונג שפּירט דאָ.
און קיינער ווייסט נישט ווער
וועמען אַלאַרמירט דאָ.

ווייל:

דער מענטש איז —
צאַרניקער ציין-קריץ.
דער מענטש איז —
אָפּליַיט פון בליץ.
דער מענטש איז —
כוח-געפאַרן.
דער מענטש איז —
א ל אַ ר ם.

פאַרלוירענער גאַנג

אַלע חושים אונדזערע ציִען צום נישט־באַוווּסטן און בלייבן
אין באַוווּסטן בלויז.
דעריבער די נעכט, וואָס טרייבן
חלומות צעוואַלגערט מיט תהומות —
ביי אונדזערע פּיס.

און די טעג?
טעג, אַ טעג אין צעברויז!
איך איר זייט נישט מער ווי גרעניץ־פּאַרוויש
צווישן רחבותדיקן דויער און ענגן דערוייל.

דעריבער דער געאייל, דער פאַרווירטער חושים־געאייל
אין פאַרלאָק פון אַנטפּלעק.
דעריבער דער שפּרונג אין מאָרגן אַריין,
דאָס לאָזן זיך מיט חלום אין געיעג.
דעריבער דער דורשט נאָך סוד פון באַריר
מיט באַשייד,
וואָס דאַרף זיין
פאַר צייט,
פאַר טרוים,
וואָס הענגט גלייך ווי מיר,
ווי מיר אין פאַרטראָג,
סיי ביינאַכט,
סיי ביטאָג
איבער תהום.

און ווייל ס'בלייבן די חושים אין נגלה, כאָטש דער געלאַ
נאָך פאַרהוילענעם באַשאַף,
דעריבער דער אייביק פאַרלוירענער גאַנג,
דער אימה־געפאַנג
אין נעכט — קאָשמאַרן,
אין טעג — גרעניץ־פאַרוויש...

דעריבער תהומות־געפאַרן ביי אונדזערע פּיס.

אין שאָטן פונעם הינטישן פּגר

צו סאַרן חויך־קרייז, וועלט, האָסטו אין דיינע קרייזונגען דערקרייזט זיך,
וועלט פון חלום, דורות האָפענונג, זייט דו האָסט אַנטוישט ?;
זייט ס׳איז ערשטער מענטש געפאַלן טויט —
האָט אַ שטערן אויפגעגליט,
האָט אַ האָפענונג זיך צעבלויט,
האָט אַ חלום אונדזער בלוט באַרוישט,
האָט אַ גאָט באַגריסט
דעם געראַנגל מיטן גורל, אין אים האָט ער אַליין ווי מיט אַ קייט
אונדז קרייז אין קרייז אַריינגעדרייט
האַרט, אכזריותדיק און וויסט —
ביז אין אַלער אייביקייט.

צו סאַרן הויך־קרייז, וועלט, ביסטו אין אייביק קרייזן דיינעם איצט אַרויס ?

פון זייט דו ביסט אַריינגעשליידערט אין געווירבל פון בראשית־ספערן,
ספערן אין פאַרהוילענעם באַשאַף, פון מענטש נאָכנישט באַגרייפטע,
נאָר געאַנטטע בלויז
ביסטו —
פון אַלע ספירות אויסגעשטראַלטע פון אין־סוף
וואָס הערט נישט אויף
און האַלט יאָר־טויזנטער דעם בונד —
אַריינגעקרייזט געוואָרן אין דער ספירה פונעם הונט?

הויך־קרייז! פון די קרייזונגען די קרוין!
אין צייכן פון אַ טויטן הונט אין רוים.

אַ הינטישער פגר, פאַרשטאַרצט, אויגענעם פאַרלאָשענע און גרוים,
פעל צעשויבערטע, גליווערדיק פאַרגאָווערט די צונג פון מויל
לויפט איבער קאָפּ אונדז טאָג־איין טאָג־אויס —
אַ גרויל!

איז עס דער צייכן פון אַ נייעם גורל, וועלט, פאַר אונדז באַשערט?
וואָס קען דען שוין מבשׂר זיין
הינטישער־פגר שאָטן דעם מענטשן אויף דער ערד?

קאָשמאַר, קאָשמאַר, קאָשמאַר אין אַ געקרייז־גאַלאָפּ.
פאַראַן נאָך אַ ווער זאָל ראַטעווען
פון הינטישער־נבלה איבער קאָפּ?!

וועלט פון חלום, דורות־האָפענונג, איצט פאַרכאַפּט אין גרויל.
אויסגעליידיקט פון אַלע גאַרונגען, ליידיק, ליידיק — הוילער הויל.
וויי־וויי, ווי הויל!

אַ וועלט אָן אַ הימל,
אָן הימל איבער הימל,
אָן לבנה,
אָן שטערן,
אָן אַ גאָט אין פאַרהוילענע ספערן;
אַ וועלט אָן צוים.
אַ וועלט אָן טרוים.

בלויז אַ הינטישער פגר שווידערט קרייזנדיק אַרום אין רוים.

תכלת-קאָליר

דתניא ר׳ מאיר אומר:
מַה נִּשְׁתַּנָּה תְּכֵלֶת מִכָּל הַצִּבְעוֹנִין
מִפְּנֵי שֶׁתְּכֵלֶת דּוֹמָה לַיָּם וְיָם דּוֹמֶה לְרָקִיעַ
וְרָקִיעַ דּוֹמֶה לְאֶבֶן סַפִּיר וְאֶבֶן סַפִּיר דּוֹמָה לְכִסֵּא הַכָּבוֹד.

(חולין פט, ע״א.)

שמיד מיך שויב צום פאַרשפיגלונג צו — צום טיף-בלויען וועלברוים. ווידער
האָט אין פאַרפרילינגצייט — אין תקופה פון שטייגן העכער הימלען,
מיין שויב זיך געשטעלט צווישן מיר און דער וועלט פאַרכאַפּטע אין פיבער
אַלרוים-סוד צו אַנטפּלעקן,
געטריבן פון שׂנאה-געטרייב מיט פלייצשטראָם פון שרעקן.

און ווידער די שויב... טיש איר פון דער זייט, גאָרטן פון יענער... און אָוונט
ווי בלוילעכער טייכפּלים אין מיטן.
און איך — נישט פאַרכאַפּט אין אַנטפּלעק-פיבער —
אָטעם אַלץ נאָך פאַרהוילעניש, און באַוווּנדער
יעדן פינקל-געשיין, ווי אַ צייכן:
ספק אַנטפּלעק,
ספק פאַרדעק
פון לעגענדן און ווונדער
אין פאַרהוילענע טיפן און מיסטישע הייכן.

שמיד מיך צו זיך, וועט בלוירוים מיט רזי-דרזין מיך וויגן, פאַרוויגן...
וואָס מיר געגנויקייט-פאַרמולן די סודות אַנטפּלעקן,
לעגענדע אין ממשות פאַרבייטן;
וועט מיר ניכטערער ניכטער.
און איך, אַלץ נאָך ס׳שוואַרצחנעוודיק יינגל מיט אויגן — פאַרחלומטער ניגון,

מיט הימלישן־ריח נאָך אין אַנען,
מיט תכלת ווי טלית פון ליכטער,
און דער טאַטע פאַרפרי חזרט איין אים: מה נשתנה
תכלת מכל הצבעונין...
ווייל תכלת איז ווי ים און ים ווי הימל און הימל
ווי דער סאַפיר־שטיין — —
און ס׳קול זיינס גייט ווי געזאַנג פון מרומים,
פליסט קדוש־קדוש־ריין
איבער קאָפּ מיר מיט עירין־קדישין געפלאַטער
ביים לעצטן פאַרגלייך (ווען דרויסן גייט מאַטער און מאַטער
אַרוים פון זיין נאַכטיקן רו־בעט):
און דער סאַפיר — ווי דער כסא הכבוד.

שמיד מיך צו דיין פאַרכישופטן בלוי... וועל איך אין מלכות פון חלום אַריין,
קומען צום מלך פון אַלרוים, דער אַ͏ין וואָס אָטעמט
זיכערער פון יעדן יש און זיין
פון יעדן שׂכל־באַגריף און געשפּיר,
דער אַ͏ין אין תכלת־קאָליר —
אָבער די הימלען זענען אַלץ נאָך הימלען פאַר מיר,
דער רוים — אַלץ נאָך העכערע הייך,
וואָס גוט זי צו אַנען אפילו קוים־קוים
דאָרט אין אַלצייט פון אָנסופיקן אויבער־אויסערן רוים.
און גוט אויך צו אַנען קאָליר פון סאַפיר, ווי כ׳פאַרצייל עס
לויט דעם געשטאַפּל־פאַרגלייך
ביז צו כסא הכבוד
צו דערגיין צום קאָליר פונעם תכלת.

שמיד מיך צו דיין פאַרשפּיגלונג צו, וועל איך שטיין מיט גאָרטן אין גלי,
וועל איך גיין מיט זיין פרילינג באַזאַמען —
אָט שפּרייט שוין פּערפיום דער מאַראַנצבוים־אין־בלי,
ס׳ראָזלט אַלעאַנדרישער קנאָספּ, באַלד וועט בוגענוויל זיך צעפלאַמען.
אָט טורטלט אויף רינווע־בויג, די טורטלטויב, איר געפעלט
אויספיקן דאָרט אייעכל... אַן אָנזאָג אויף המשך־קיום דער וועלט.

שמיד מיך צו זיך, באַפריי פון מורא פאַר סוד־אַנטבלויז־ראַקעטן, פון שרעק
פאַר צוימען דאָס גאָרן, פאַרווירן די טעג,
בשׂכר מתנה און גאָב, אפילו נאָך אויף אַ האָר נישט געאַנטע, אין אַנטפלעק.

לידער פון דער תקופה

בַּבֹּקֶר תֹּאמַר מִי־יִתֵּן עֶרֶב
וּבָעֶרֶב תֹּאמַר מִי־יִתֵּן בֹּקֶר
מִפַּחַד לְבָבְךָ אֲשֶׁר תִּפְחָד
וּמִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה

(דברים כח, כ"ז.)

נאַכט

אַלע זונען זענען אויסגערונען,
פֿאַלן פֿאַר שרעק אַראָפּ
די שטערן.
די פֿינצטערניש גנבעט־צו די וועגן
און פֿירט זיי ערגעץ־ווײַ אַראָפּ —
תהום צו ווערן.

צאַנקט נאָך ווײַ נישט ווײַ
אַ ליכטל אין אַ הויז,
קומט צוגיין דער בייזער ווינט,
גיט אַ פֿאָכע מיט זײַן פֿליגל, —
לעשט עס אויס.

קאָן די נאַכט צו זיך נישט קומען,
בלאָנדזשעט אום מיט שרעק:
— נישט גוט, אַז זונען ווערן אויסגערונען,
און וועגן — אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג...

טאָפּלט געפיל

דער טאָג גלאַנצט אין צונטער
פון זיין זוימיק-גאָלדן-צאַנק
און טראַכט:
סאַראַ וווּנדער
ברענגט אַראָפּ די נאַכט.

די נאַכט חידושט זיך: ביים ענד
פון איר חלום-צוג
הייבט זיך אויף אַ בלענד
און שיקט איר נאָך דעם טאָג.

און מיר —
מיר ווייסן נישט פון לאַנג-שוין-לאַנג,
נאָך וואָס עס טוט אונדז פריער ווי
און באַנג.

אין צערים

אַז טאָג איז נישט דאָס איינציקע אויף וואָס מיר האָפן
קאָן נאַכט אַן עדות זיין.

אַז נאַכט איז נישט בלויז רו־וויג איינצושלאָפן
קאָנען שטערן עדות זיין.

בעטן מיר בייטאָג
אויף נאַכט,
און ביינאַכט —
אויף טאָג.

אַליינקייט

ווער זענען מיר ביי טאָג?
וואָס זענען מיר ביי נאַכט?
שטערן וואָס פאַלן,
פאַרשווינדן
און בינדן
זיין
מיט נישט-זיין,
געאַנטן דאָרט
מיט געפילטן הי,
דורך אָפּגעקילטן גלי?

וואָס זענען מיר ביי נאַכט?
ווער זענען מיר ביי טאָג?

די גרויסקייט?
די קליינקייט?

צי גאָר — די טרויעריקע אַליינקייט?

צוליבן אומעט

אין יעדן טראָפּן טוי שווימט אַ שטערן
ביז די זון גייט-אויף.
דערנאָך,
שרומפּן זיי איין
זיך אויפצולייזן מיט טאָג.

שטערן און טוי האָבן פיינט דעם טאָג
צוליב אונדזערע אומעטיקע פּנימער.

איז ליבער דעם טוי אַ רויטער שטאָך פון דער זון
אין סאַמע האַרץ אַריין פון שטערן,
איין שאַרלעכער ציטער! —
און אויס — —

איידער
אַ גאַנצן טאָג לאָזן טונקל'ען
אונדזער אומעט אין זיך.

גורל

נאַכט קוועלט און קוועלט אַריבער זיך
מיט אייגן בלאָ.

דער זייגער איז שוין אויך דערגאַנגען
די בלאָסטע שעה.

און דו?

פלאָנטערסט זיך נאָך אַלץ צו דערלאַנגען
די געבענטשטע רו,

און טוסט אַלץ מער אין פיבער זיך
פאַרפלאָנטערן אין גראָ.

וואָר

זעלטן ווען זעט מען אַ נאַכט אינעם חלום,
און מיר האָט דער חלום געוויזן היינט נאַכט.
איך זוך קיין באַשייד נישט, איך ווייס עס שוין אָן אים:
אַ צער אַ טיפער דעם טאָג מיר באַוואַכט.

... טראָגט מיך די נאַכט אום אויף חרובע שליאַכן;
די וועלט — ס׳בית-המקדש — ברענט מיר אַנטקעגן.
הימלען צעפּליקטע, געשונדענע קראַכן
און בלייבן אויף תליות הענגען ביי וועגן.

דאָס זענען אונדז דאָ די הימלען געקרייציקט,
ס׳בית-המקדש — די וועלט — אין פייער געצונדן,
די תליות — אָפענע וווּנדן גערייצטע,
די וווּנדן — אַלעמענס זענען די וווּנדן.

און ס׳פייער פאַרלענדט און פאַרלענדט און פאַרלענדט — — —
שריי איך: כהן גדול קדשי-קדשים ברענט!

דער איילבירט חלומט

שטייט דער איילבירט, שווער באַיאָרט,
אויף פעלז מיט וואָרצל־פינגער,
אין בוזעם טרוימט ער זיך די וואָר
ווען ר׳איז געוועזן יינגער.

זון שלאָגט אויף זיין צעהיצטן קאָפ,
צעפיבערט אים נאָך מערער,
און ווי די בלעטער פאַלן־אָפ
די זיפצן זיינע שווערער.

פאַלט אין שאָטן זיפּץ נאָך זיפּץ,
און דורכן טרוים נאָך קלאָרער
זעט ער: אויף זיין קרוין עס זיצט
נוח׳ס טויב, נאָך וואָרער — —

זי פלאַטערט, ציטערט, קרייזט אַרום
זיין שאָטנצווייג־טשופּרינע:
— זע מען טרייבט מיך אומעטום,
איך קאָן קיין אָרט געפינען.

— אָ טייבעלע, מיין חלום־גאָלד!
קוים קומסטו מיך דערפרייען,
איז כאָטש איך בין געבויגן, אַלט,
אין יעדן רים נאָר ווייען,

גיב איך דיר מיין בלאַט מיט פרייד,
די בשורה טראָג פונאַנדער!
ווייס, אַז יאָרן ווי איך גרייט
אַן אָפּרו פאַר דיין וואַנדער.

— איך בין קיין טויב, מיין אַלטער פריינד,
ס׳פאַרשוואַרצן מיך פאַרדאַרבער.
איך קום צו דיר, ווייל ס׳זיצן היינט
אין אַלע נעסטן שפּאַרבער...

כאַפּט זיך אויף דער איילבירטבוים:
ס׳איז נישט די טויב פון שלום,
בלויז אַ קראָ קרייזט שוואַרץ אין רוים
און לאַכט אים אויס דעם חלום...

צו מיינע חברים

עס הענגט די קעגנוואַרט — אַ טרויער-שלייער,
איבער אונדזער אָפּהענטיק געפּענט.
ווּ זייט איר? אַז וואָס הייליק איז און טייער
קאָן מאָרגן ווערן מוראדיק געשענדט.

זעט: זיילן פון דער וועלט באַנעמט אַ ציטער,
שׂריפות לוי׳רן איצטער דאָ און דאָרט.
אַ ליאַדע-טאָג — אַ הוראַגאַן-געוויטער,
יעדע שעה שרייט שוין מיט שאַנד און מאָרד.

צו וואָס האָט איר זיך אויסגעלערנט שטאַמלען?
נאָך וואָס פאַרקנסן זיך מיט ליד,
ווען ס׳קאָן נישט איבערפלייצן פערז און גראַמען,
ווי ס׳פאַרפלייצט דאָס אייגענע געמיט?

שווייגט-זשע, שווייגט פּאָעטן! אין לויער-שׂריפות
זייט איר נישט פון שטאַמלען מיד?
צי איז נישט גרויליק רשעות פול און רייף איצט? —
ווּ איז דאָס וועלט-געשריי אין ליד?

אַ ווונטש

וועט דער וועלט זיך פֿאַרוועלן,
שוין ווידער פֿאַרוועלן
שוואַרצאַפּלען פֿאַרצאַפּלען
מיט שרעק ביזן טויט?

האָט וועלט שוין פֿאַרגעסן,
שוין ווידער פֿאַרגעסן
די שפּיליקע האַרבסטן?
די שטיפיקע זומערס?

די זומערס, די זומערס,
ווילן נישט פֿאַרגעסן,
קאָנען נישט פֿאַרגעסן
דאָס בלויען מיט הימל,
דאָס שפּילן מיט וואַלד,
דאָס בליצן אין טוי
און צאַפּלען מיט זאַנג.

וועט וועלט שוין פֿאַרגעסן?
שוין ווידער פֿאַרגעסן?

די האַרבסטן, די האַרבסטן,
קאָנען נישט פֿאַרגעסן,
ווילן נישט פֿאַרגעסן
דאָס גילדן מיט זון
דאָס ריזלען אין טייך,
דאָס פֿליען מיט ווינט
און שמייכלען מיט קינד.

זאָל זיך וועלט נישט פֿאַרוועלן,
נישט ווידער פֿאַרוועלן
שוואַרצאַפּלען פֿאַרצאַפּלען
מיט שרעק ביזן טויט.

זאָג!

ווער דו זאָלסט נישט זיין,
וואָס און ווענען זאָלסט נישט דינען,
זאָג:
בלוט וואָס גליווערט־איין
אויף שליאַך,
אין דאָרף,
אין שטאָט —
איז נישט אייגן געבליט,
וואָס אין דיר איז צעבליט?

איז נישט אייגן געפלייץ,
ס'רויט־רויטע געפלייץ
אין דיר איז צעפלייצט
און היצט
און גליט
מיט אומענדלעכן רייץ?

און איצט,
זאָל אַ ליאַדע־צאָרן דערפאַר
אַ פאַרב טאָן דערמיט
איבער ברוק און טראָטואַר?

און איצט,
זאָל דערפאַר,
זיך איינשטעלן דער ברויז,
זיין גליאיקער ברויז,
און קילן
און גליווערן
און — געענדיקט
אויף שטענדיק?

ווער דו זאָלסט נישט זיין —
זאָג!

ליכט

זאָג ווי דו האָסט אַמאָל געזאָגט,
אַ מעכטיק קלאָר און לויטער וואָרט;
צינד עס אָן אויפסניי —
און זאָל אַ שלאָג טאָן
ליכט!
און ווערן טאָג דערפון.

ווערט האַנט מיט מעסער
הענגען בלייבן ווי פאַרשטאַרט;
ווערט מערדער זען אַז בלוט איז רויט,
און תלין —
ברוין און בלאָ איז טויט.

ווען לויטערע באַגינענס שפּרייזן איבער טוי.
בייטאָגן — זיין צעזונטע.
אָוונטן וועלן זייען שטערן איבער טיפן בלוי
און לייגן שטיל די נעכט
אויף אונדזערע קעפּ...

זאָג ווי דו האָסט אַמאָל געזאָגט:
ליכט!

אַ מעשׂהלע בלויז

כ׳ווייס ווי ס׳איז שווער, און דאָך לאָמיר גלויבן.
אַז קומען וועט קומען אַ מאָרגן אַזאַ,
וואָס בלוי וועט ער אויסלאַכן גליוווער פון שויבן,
ווי מעשׂהלעך לאַכן פון שרעק און געפּאַר.

אַז ס׳קאָן זיך אַ טויב ערגעץ־ווּ נאָך צעפּאָכן,
(אפשר שוין פּרוּווט זי פאַרבאָרגן די פליגל?)
אַנטקעגנצופליען די בלוי־בלויע וואָכן,
וואָס וועלן אונדז וויגן ווי קינדער אין וויגל.

אַז נאַכט וועט לבנה אויף אונדזערע קישנס
אַ מעשׂה מיט פּחדים באַלאַדיש פאַרשפּינען,
און מיר וועלן גלויבן דער מעשׂה, נאָר ווייסן:
קוים קרייעט דער האָן, ווערט אַלץ־דאָס צערינען — — —

איך ווייס ווי ס׳איז שווער, און דאָך לאָמיר גלויבן,
און חלום און וואָרט לאָמיר שיקן פאָרויס.
ביז זון־בלוי־געלעכטער וועלן זיין אונדז די שויבן,
און שרעק און געפאַר — אַ מעשׂהלע בלויז.

נשמה
לאנדשאפט

[1954—1959]

לאָמיר זיך אַליין דערגרייכן,
איבעריאָגן
און דעריאָגן
אונדזערע טריט פאַרונענע,
אונדזער מראה די פאַרשוווּמענע
אין צייט און רוים.

זע דעם ברעג! קוים
באַרירט פון לויפנדיקער כוואַליע,
ווערט אים יעדע שפּור פאַרווישט.
נאָר זאַמדן לויפן אומדערמידלעך
מיט שפּורן אייגענע זיך ראַנגלען.

לאָמיר זיך דערלאַנגען,
איבעריאָגן
און דעריאָגן
די אַנטרונענע פאַרלאַנגען.

דערהויבונג

אהרן צייטלינען

לאָמיר עולה זיין צום טאָג
איך און דו:
אין לבנה-ברונעם ווערן
טיף פאַרפאַלן אַלע שטערן —
לאָמיר עולה זיין צום טאָג
איך און דו.

לאָמיר עולה זיין צום טאָג
איך און דו:
פאַר די אַלע ברונעם-שטערן
מאַכן אים נתגלה ווערן —
לאָמיר עולה זיין צום טאָג
איך און דו.

לאָמיר עולה זיין צום טאָג
איך און דו:
לייטערן מיט בלוי די טרערן
און אַליין נתעלה ווערן —
איך און דו.

דער צוג צו זיך

קרוינונג

פאַסטעכער פון נישטיקייט,
ווו וועט איר אונדז פירן?
שפאַנט־אויס די נישטיקייט,
זאָל זי נישט אין שפּאַן אונזער לעבן באַצירן.

און שפּאַנט־איין דאָס גאַרן געפאַנגען פון שווייגן
אין גאָלדענעם וואָגן פון גייסט.
זאָל ווי פאַרצייטן
אַרויסטרעטן ס׳ליד — דאָס אַמאָליקע פערד;
דער חלום — זיין געזאַלבטער רייטער,
און רייטן.

שפּאַנט־איין דאָס גאַרן, זאָל עס אונדז פירן.
און לאָזט נישט ס׳זאָל נישטיקייט ביי אונדז דאָ רעגירן — — —
— — — — — — — — — — —

זעט־נאָר, זעט, ווי עס שטייגט פון דער נידער
רייטוואָגן פון גייסט, ס׳פערד, און זיין רייטער — דער חלום!

דער חלום קיניגט ווידער.

דאָס גרייטן דעם צוג

קומט לאָמיר אַרויסגיין פון זיך מאַכן דעם איינאײנציקן צוג צו זיך.
דער איינאײנציקער, אויסער אים — פוסטקייט, איז דער צוג־צוזיך.
מיט דרך־המלך וועט ער נישט ציִען, טראַקטן פאַר אים נישט פאַראַנען.
אייגענע וועגן זאָל דער צוג פאַר זיך באַנען.

און גייט ער אַרויס פון זעלישן וויסטן געהייל אונדזער גורל אָפּצופּרעגן,
באַזאָרגן מיר דעם גאָלדענעם וואָגן מיט רעדער פיר דעם צוג צו באַוועגן:

ראָד פון אמת, ראָד פון שלימות,
ראָד פון וויסן, ראָד פון ווילן.

און מירן איינשפּאַנען דעם „פּעגאַס", ס׳באַפליגלטע פערד — דאָס ליד.

אין דעם צוג נישט משלים זיין מיטן דערגרייכטן: געגנוג, און שוין מיד.
נישט באַגענוגענען זיך מיט ווייניקער ווי אַלץ.
אונדזער זיין הענגט־אָפּ פון דעם צוג, דער איינאײנציקער צוג,
וואָס פאַרמאָגט אייגענע וועגן —
און איז דאָך דער,
וואָס גייט־אַרויס פון זיך צו דערגיין צו זיך,
אויסער אים — פוסטקייט, נישט מער.

די רעדער

ראַד פון אמת, דער רעכטער פראָנט־ראָד ביים גאָלדענעם וואָגן פון גייסט.
דער אמת פון איבער דעם אָנגענומענעם, פון איבער
דעם באַקוועמען, וואָס האַלט די נשמה אין צביעות געהילט
און וויל קיינמאָל דעם אמתן אמת דערגיין.
זיין סימן — דער ליגן אַליין.

דער איז דער אַבסאָלוטער אמת, דער נשמהדיקער,
דער זעלבשטענדיקער, עקסטרעם און אכזריותדיק אין באַנעם,
הערשט, אַ יחיד־שופט, אָן אַליין־זיך־משפּטנדיקער.
דער, וואָס אויך אָן געוואַלד־טאַט די אימה איז.
ביי זיין זייט — די **שלימות**.

דער לינקער פראָנט־ראָד ביים גאָלדענעם וואָגן פון גייסט.

ראָד פון וויסן, דער רעכטער הינטער־ראָד ביים גאָלדענעם וואָגן פון גייסט.
דאָס וויסן פון איבער דעם באַוווּסטן, פון איבער
דעם אַלוויסן, וואָס איז אומוויסן פון וויסן
און וועט זיך נישט דערשלאָגן צו אמתן באַוווּסטזיין.
זיין סימן — דאָס פּוסטזיין.

דאָס איז דאָס אַבסאָלוטע וויסן, דאָס וויסן אַז ס׳האָט נישט קיין וויסן,
פּרוכט פון מחשבה, וואָס שטויסט פאָרויס דאָס וויסן,
שפּאַנט־אַריבער גרעניץ פון באַוווּסטן און שטייגט־איבער יעדעס וויסן,
איז נישט זיכער מיט זיך, און קאָן דעם דורשט זיך נישט שטילן.
ביי זיין זייט — דער **ווילן**.

דער פערטער ראָד ביים גאָלדענעם וואָגן פון גייסט.

פעגאַסוס

און מירן איינשפּאַנען דעם פּעגאַסוס, ווי מ׳רופט צווישן פערד אים.
ס׳פערד, ס׳פרייע פון צוים־און בייטש־און לייצעס צו באַשרענקען ס׳גאַלאָפּ.
ס׳פערד, וואָס פאַרמאָגט אייגענעם צוים, אייגענע בייטש איבער קאָפּ,
און לייצעס, באַקאָוועטע פּיס, ווי ס׳געהערט אים.

ס׳פערד, וואָס גאַלאָפּעוועט און נישט דער כוח פון פּאָדקאָוועס יאָגט אים,
נאָר ס׳געפּאָך פון די פליגל טראָגט אים.

ס׳פערד, וואָס זיין רייטער
איז אין פלי צו די הייכן,
און זיין גאַנצער זיין
די הימלען דערגרייכן.

ס׳פערד, וואָס איז נישט משלים מיט צייט,
שטויסט זי אָפּ, בריקעוועט און גאַלאָפּעוועט און יאָגט־איבער די צייט.

דאָס איז דאָס פערד פאַרן צוג, וואָס אויסער אים — פּוסטקייט, נישט מער.
דער צוג פונזיך־צוזיך. דאָס איז דאָך דער
פּעגאַסוס — ס׳פליגל־פערד, וואָס מירן טרייבן אין צוג אַ צעפּליטס,
ס׳פערד, וואָס האָט אַ בריקע געטאָן, געעפנט דעם קוואַל פון יצירה און ליד.

זעלישער אָנלען

אין באָדן פון טרוים וואַרצלט טיף זיך די וואָר.
אין מיסטישע סימבאָלן — דער תמצית פון יש.
מיין חלום —
איך שפּרייט אים ווי באָדן פאַר פיס און פאַרפעסט
נישט צו זינקען אין אָפּגרונט אריין.

סאַראַ זעלישער אָנלען אין פיין
איז חלום אין טאָג-טעגלעכן זיין?

אין טרוים, וואָס איז וואָר,
איז מעגלעך אַ לעבן אויף אַ האָר;
פאַראַן צוועק אין בלאָנדזשעדיקסטן גאַנג.
פאַראַן ניכטערניש אין שיכרות-געטראַנק
און אויסדויער אין טרויער;
פאַראַן געזאַנג.

אין טרוים (די וואָרסטע וואָר)
פלאַמט אַ האָפענונג פאַרווירקלעכט
אויף די טאָג-שטאָפּלענדיקע פרענטש,
און ביי די אַראָפּגענג פון צייט
לעשט זיך, ווי אַ קויל אַ פאַרטליִעטע,
די איינזאַמקייט פון מענטש.

דער טרוים (אין אים מירן די וועלט איינשטעלן)
טוט אין פינצטערניש ליכטער אויפהעלן;
גיסט-אָן זיסקייט די ליידן,
דערפירט דעם נידער צום שטייגן,
און וואָס נידעריקער ס'נידערט דער טראָט —
אַלץ נענטער צו גאָט;

ער הילט תמצית פון יש אין מיסטישע סימבאָלן,
לאָזט נישט דעם חלום-באָדן
פון וואָרער וואָר פאַרשווועכן —

מיר זאָלן נישט צוזאַמענברעכן.

נשמה־לאַנדשאַפט

קומט לאָמיר זיך אַ לאָז טאָן אין נשמה־לאַנדשאַפט, מיט גאַרונג דערגיין
צום סוד פון איר קיום, און — נישט פאַרשטיין
די רמזים פון איר מיין.
זאָל די וועלט אונדזערע נישט געקליגלט־און גענישטערט זיין.
זאָלן מיר נישט פאַרזינקען אין באַרן געצייל,
אין לויף נאָך געטייל,
אין געבוק צום דעראָבערטן, אין געגרייף נאָך מזומענעס,
אין געקוויק מיטן באַקומענעס.

נשמה־לאַנדשאַפט איז נישט אין געזיכערטן, נישט אין ממשות־וואָר,
נישט אין טיילבאַרן יש — זי איז לופט אין געפיבער.
ווער ס׳לאָזט זיך אַריין און קומט אויף איר שפּור
לאָזט ווילנדיק איבער
זיין ניכטערע וועלט —
און ס׳איז ספק אים ליבער,
יאָגט זיך פאַרלאָקט נאָך אַ צייכן,
אפילו אים נישט צו דערגרייכן.

נשמה־לאַנדשאַפט, ווי ווייט און ווי נאָענט־אַזוי־נאָענט איז די לאַנדשאַפט —
אַ וואָר אויף אַ האָר, אַ וואָר אין פאַרפיר, —
אַ לאַנדשאַפט אין קאָליר.
אין זעלישן־זען איז די לאַנדשאַפט — געשפיר.
אַ פאַרבן־פּליסיקע וואָר־וועלט,
בלאָ־גאָלד און פערפל־געפּלים איז די וועלט.
און זי איז דער יש, זי איז ממשות אַליין,
נאָר אין טיף־אינערלעך זען.

נשמה־לאַנדשאַפט וואָס כּוח פון גאַרונג געבערט זי — אַ וואָר פון וווּנדער,
אַ וואָר שבלב, אַ וואָר אין באַוווּנדער,
אַ וואָר אין פאַרדראַנג —
נאָר ס׳בליט דאָרט געזאַנג...
משונה! — זאָגט איר פאַרוווּנדערט ביז גאָר? —
פאַרוואָר און פאַרוואָר
דערגייט איר צום סוד ווערט איר געוואָר:
זי איז דאָ.
אויסער איר — נישטאָ מער קיין וואָר.

אַ פּשוטער אמת

די ליבע וואָס מיר זוכן און געפינען זי נישט, זי — דער פאַרלאַנג.
זי איז דאָ.
זי איז דאָ ווייל זי איז נישטאָ.
און כאָטש מירן זי קיינמאָל נישט געפינען טוט אונדז נישט באַנג.
מיר האָלדזן אַ לבנה אויפן געלעגער פאַרשמאַכט,
מיר שטייען־אויף זיך שלעפּן איבער גאַסן ביינאַכט
(ליידיק פון וועכטער, ליידיק פון ליבעס)
זוכן די ליבע וואָס אונדז ליב איז;
אין חלום זי זוכן, אין לידער זי זוכן,
און פאַרזוכן
ליבהאָבער פון לידער צו געווינען
פאַר דער — וואָס איז נישט צו געפינען.

די ליבע וואָס איז דאָ, זי, נאָר זי, איז נישט דער פאַרלאַנג.
זי איז נישטאָ.
ווייל זי איז דאָ איז זי נישטאָ.
מיר פאַרבעטן זי נישט אין לבנהשער שטוב — און ס'טוט אונדז נישט באַנג.
מיר שטייען נישט אויף איבער גאַסן זיך דרייען
טאָמער האָבן פאַרזאָרגער און וועכטער אונדזער באַגער פאַרהאַסט,
און מיר, ווייי אונדז! טוען די ליבע פאַרזען,
און האָבן זי נישט פאַרקנסט
נישט אין חלום, נישט אין ליד,
אויך ביי די ליבהאָבער פון ליד נישט באַליבט —
ווייל זי איז נישטאָ
די וואָס מיר זוכן נישט און זי איז דאָ.

דעריבער האָלדזן מיר פאַרשוויגן אַ לבנה אויפן געלעגער ביינאַכט.
דעריבער דרייען מיר זיך אין די גאַסן פאַרשמאַכט,
גאַרן נאָך דער לאַנדשאַפט פון חלום
מיט אַ האַרץ — אַ קוואַל פון באַגער,
מיט בענקשאַפט — שוימיקן וויין,
און לאָזן זיך מיט ליד
זוכן ליבהאָבער ווי עס פאַרדינט.
ווייל עס קאָן ליבע וואָס איז נישטאָ מאַכן זי זאָל זיין —
מיר זאָלן זי זוכן און איר נאָכלויפן בלינד.

אָבער, וויפל מיר זאָלן נישט לויפן און לויפן — כאַפּן מיר ווינט.

צייכנס אין רעגן

בראָד־און קלאָגליד

קומט לאָמיר אַרונטער צו די ברעגעס
און באַוויינען דעם בראָך פונעם ים.
דער רעגן האָט פאַראומרייניקט די ליכטיקע שפּרייען,
דורכגעמישט דעם גרונט מיט צעשוימטן אויבערפלאַך,
אַרויסגעהויבן דעם תהום —
און ער ברילט.

קומט לאָמיר אַרונטער זיך איינהערן ביי די ברעגעס.
הערט גוט זיך איין ביי די ברעגעס.
צי שרייט נישט אונדזער בראָך ווי דער תהום און ווי ער איז ער שטום?

קומט לאָמיר אַלע אַרונטער צום ים
און באַקלאָגן די שקיעה.
דער רעגן האָט פאַרבלאָטיקט דעם דעמערדיקן בלוי,
פאַרלאָשן דעם גאַנצן רויט־און־פאַרגיי,
אַרויפגעצווונגען דעם תהום
אויפן וווּנדער.

קומט אַלע אַרונטער, קומט גאַפן אויפן צאַנג.
גאַפט גוט אויפן צאַנג.
צי פלאַקערט נישט אונדזער חלום ווי די שקיעה און ווי זי צאַנגט ער אויס?

קומט לאָמיר אַלע אַרונטער צו די כוואַליעס
אונטערשפּאַרן דעם הימל.
דער רעגן באַלאָדט אים מיט פלייציקער לאַסט,
באַמיט זיך פאַרקנוילן אים מיט תהום, און פאַרסטריגען
מיט פינצטערניש אַלע זיינע ריסן,
אַלע ליכטיקע ריסן.

קומט לאָמיר צוזאַמען אים אונטערשפּאַרן.
גוט אונטערשפּאַרן.
אונדזער הימל מיר שפּאַרן דאָך אונטער — אָט זעט, ווי ער קראַכט...

געהיימעניש

צייכנס אין רעגן, וואָס זאָגט איר מיר אָן?
פאַרשטעלן דאָס פּנים, צי גיין שאַרפאויגיק
אַנטקעגן צייכן און סוד?

פאַרוואָס־זשע פאַרהוילט איר אויב איר גיט צייכנס?
און וואָס איז דאָס וואָרנען כּל־זמן איר פאַרהוילט?
און וואָס, ווען איך גיי שוין אַנטקעגן צייכן און סוד?

צייכנס אין רעגן, ווי זאָל איך פאַרשטיין אייך,
אַז אַליין כ׳האָב זיך נאָכגעיאָגט באַנומען,
און שרעק זיך פאַר דעם.

צייכנס אין רעגן, קריצט זיך נישט איין אין מיין פּנים,
איך זאָל אָנשטאָט אייך אַלאַרם צעטראָגן
און זיין אַ גייענדיקער שטראָפער,
און מיין פּנים — אַ סיגנאַל־טורעם
פאַר דעם וואָס קאָן קומען.

צייכנס אין רעגן — בליץ־און דונער,
נעמט דעם פאַרבלענד מיר אַוועק!
קוים וואַרפט איר פונקען אָנצוצינדן מיין מראה —
ציטער איך אויף דאָ פאַר שרעק.

איך וועל אין דער ראָל דאָ אייך נישט פאַרבייטן,
איך קאָן נישט אין ראָל אייך פאַרבייטן.
ווי וועל איך דעם בליץ פון אייער סוד אויף זיך טראָגן,
אַז אַליין כ׳בין נאָך ווייט פון באַשייד
און פון פּחדים געפאַנגען.

צייכנס אין רעגן!
פאַר דער געהיימעניש וואָס לויערט אין אייך —
זייט איר מיר אַ שוץ.

הידערצייכן

דער צייכן אין רעגן, אָט איז ער דער צייכן !
אָט פליט ער אַנטקעגן — פייל צום מות.
אַ בליץ־שפליטער דרינגט־דורך אַ זכרון־פעלד,
באַלויכט אַ ראָד — רינג אין רינג,
און ס׳קומט־אויף אַ וואַלד :

שחרית.
איך היפּע פרימאָרגן געטובלט פון וואַלד־פליך צו וואַלד־פליך.
בלויער הימל שיט בלוי געפליטער — געטלעכער דרויסן.
איך שפּאַן אין תכלת אַריין —
שלאָגט געזאַנג אויף פון אינעץ און פון אויסן.
שעפּ איך אין געאייל, אייל זיך אין געשעפּ
אַלע מיינע פאַרלאַנגען פאַרלאַנגטע און נישט־פאַרלאַנגטע —
לאַנג שוין פאַרצאַנקטע.

געווען איז פרימאָרגן.
געווען איז געזאַנג,
געטלעך געפּליטער
און תכלת.
וואַלד־פליך נאָך וואַלד־פליך האָט זוניק אַנטפּלעקט זיך.
און ווידער האָט פּלאָנטער פון וואַלד איינגעדעקט מיך — — —
— — — — — — — — — — — —

די רינגען צערינגלען זיך — רינג נאָך רינג.
אוים געזאַנג,
אוים געפּליטער,
אוים תכלת.
געדיכטוואַלד פאַרשלינגט,
ברומט, דונערט,
וואַרפט בליצן ווי צייכנס — — —
— — — — —

אויסגעהוילטע הימלען פון יעטווידן ליכט אין די הייכן.
כ׳שפּאַן אריין אין טונקל — פאַרטונקלט אַלע זינען,
און שרעק פון אויסן און פון אינען.
וואַרף איך אָפּ אין געאייל, אייל זיך און וואַרף־אָפּ
אַלע מיינע פאַרלאַנגען פאַרלאַנגטע און נישט־פאַרלאַנגטע —
לאַנג שוין פאַרצאַנקטע.

און דער צייכן: אַנטרין!
און ס׳ענטפערן מיינע פים מיט אַנטרינען.
און פאַראַן ווו צו אַנטרינען...

צייכן אין רעגן, אַט איז ער דער צייכן!
אַט פליט ער — פייל צום מוח.
אַ בליץ־שפּליטער קלאַפּט אויפן זכרון־פעלד,
וויברירט־אויף אַ ראָד — רינג אין רינג.
און עס עכאָט דער אַנטרין!
דאָס סיגנאַליזירט דער צייכן:
באַזין זיך! באַזין!

ענטפערט אַ שטים אים פון אינען:
פאַר מיר — נישטאָ וווּהין צו אַנטרינען!

פאַרשניטענע פליגל פון בענקשאַפט

די שטים פון מיין לעבן

היינט נאַכט —
זענען געפאַלן ווי צעקנאָדערטע פאָרהאַנגען
די חלומות צופוסנס מיין בעט.

היינט נאַכט —
האָבן געשריגן פאַרלוירן
די ווענט צוקאָפּנס מיין בעט.

היינט נאַכט —
האָב איך געשריגן:
חלומות!
ווער טוט איך חלומות די פליגל פאַרשניידן?

איז דאָס געשריי געוועזן
ספק געשריי, ספק געבעט,
ספק תרעומת,
ספק תחנונים:
חלומות... חלומות!
פאַלט נישט... אָ, פאַלט נישט
חלומות...

און זיי פאַלן און פאַלן —
פאַר מיינע אויגן זיי פאַלן.

און די ווענט וויינען און וויינען —
פאַר מיינע אויגן זיי וויינען.

האָב איך אויך זיך צעוויינט:
חלומות...
איך וויל נישט איר זאָלט פאַלן, חלומות,
איך וויל נישט.

און זיי פאַלן און לעשן זיך,
לעשן זיך און פאַלן
איבער זייער פייער אַריבער.
און די ווענט צוקאָפּנס
פאַרלירן און פאַרלירן זיך
איבער זייער זיין אַריבער.

פיל איך:
די חלומות — מיין לעבן,
זענען נישט אויסגעטראַכט מיר געגעבן,
און דאָס געוויין און געשריי — די שטים פון מיין לעבן.

פאַרלוירענער פלי

וואַהין האָבן די ווייסע וואָלקנדלעך געצויגן
און מיטגעשלעפּט אונדזער בענקשאַפט געגעסטיקט אין די אויגן?
וואַהין?

זעט-נאָר, זעט —
אָן בענקשאַפט זענען מיר געבליבן
און אויסגעהוילט איז דער בליק.

זעט-נאָר, זעט —
אָן אַ בליק זענען מיר געבליבן
און פאַרווירט איז די בענקשאַפט.

זעט-נאָר, זעט —
אָן פליגל זענען מיר געבליבן
און פאַרלוירן איז דער פלי.

וואַהין איז די ווייסקייט פון וואָלקן פאַריטן?
ווער האָט דער בענקשאַפט די פליגל פאַרשניטן?

איך וועל פרעגן און פרעגן, נישט אויפהערן פרעגן.
איך וואונדער זיך היינט, כ'וועל אויך מאָרגן זיך וואונדערן,
שטענדיק
און שטענדיק,
ווען ס'אַנטפּלעקט זיך אכזריותדיק
פּוסטקייט אין לעבן, וואָס פאַרוויסט אַלע וועגן.

צום הי וואָס איז דאָרט

קום לאָמיר זיך אומקערן צו דער זייט פון פלויט,
וואָס צוימט־אָפּ דעם דאָרט און איז דאָרט־נישט־דאָרט.

קום לאָמיר זיך אומקערן, אַ קוק טאָן דורך די שפּאַרעס — —
דער סאָד שטייט נאָך אַלץ אין זיין צווייגיקן־בלי
געטובלט אין ווייס־בלוי־ראָזן געפּלים,
און מיר שפּרייזן אום פון חלומות געפאַנגען...

קוקן מיר און זעען: ס׳איז הי און נישט־הי.
קוקן מיר און לויפן אַהין אין געאייל — —
אפשר איז עס דער דאָרט, וואָס איז געוואָרן זכרון.

קום לאָמיר זיך אומקערן פון פלויט,
ס׳איז דורכגעבראָכן דער פלויט,
און איז נישט מער קיין פלויטיקער צוים,
בלויז אויסדוכטעניש,
בלויז ווילן
דאָס געדעכעניש צו פאַרצוימען...

קום לאָמיר זיך אומקערן און קומען צום סאָד־בלי
פון הי,
וואָס איז דער ריח־געזאַנג פון דאָרט
אין אַלע זיינע בליטן.
אויב נישט —
וועלן מיר זיך מוזן אַ לאָז טאָן מיט בענקשאַפט,
וואָס אַ פאַרהוילענער, אָבער אַ זייער ממשותדיקער,
האָט איר די פליגל פאַרשניטן.

פון איצט־אָן...

פון איצט־אָן שפּיל איך זיך נישט מער מיט די פליגל פון בענקשאַפט,
פון איצט־אָן זיין פלי מיר כ׳פאַראייגן — —
— — — — — — — — —

מיין באַגער צו הימלישע הייכן כ׳לאָז שטייגן
און בלייב אין ערדישער ווירקלעכקייט ווידער געזונקען,
געוואָרפן צווישן בענקשאַפט מיט פאַרשניטענע פליגל
און פאַרלוירענעם פלי אין רוימיקע וועגן...

און ווייס נישט:
אַז אָנגעוואָרן די פליגל פון בענקשאַפט,
וועל איך שוין קיינמאָל מיטן פלי זיך נישט קענען באַוועגן.

לידער פון פאַרגאַנגענעם טאָג

אָרעם מיר שטייען ביים ראַנד פונעם טאָג,
פאַמעלעך פאַרצוקן אונדז די מינוטן פון טאָג.
ברענג, חלום, צו פירן דיין בלוי־בלויען טאָג
איידער מיר פאַרגייען מיטן טאָג.

אילוזיע

דער טאָג —
ער פאַרמאָגט נישט מער ווי די גרויסע אילוזיע,
און אירע טיילן — די קלייניניקע מינוטן.

און גוט —
ווייל קאָנען מיר דען דורכלעבן דעם מיזערנעם טאָג
אָן אַ חלום אין זיין רוים?
ווי וועט קלאַפּן אונדזער האַרץ מיט די קליינע מינוטן
אָן אַ שטערן ביי זייער זוים?

מינוטן, מינוטן!
איר זינקשטיינער אויפן האַלדז פון טאָג,
זאָגט,
וואָס שלעפּט איר צום תהום אונדז אַראָפּ?

און אפשר
(און דאָס איז דער וווּנדער!)
זענען מיר אין דויער,
און דער טאָג —
(אויף זיין האַלדז זייט איר מינוטן די זינקשטיינער)
ער גאָר זינקט נאָך אייך אין תהומיקן לויער?

אויב אַזוי? —
נעמען מיר עס פאַר גוטן,
און זאָל געבענטשט זיין די גרויסע אילוזיע,
וואָס זיצט אויך אין אייך — קלייניניקע מינוטן.

חיות

די פֿאַרגאַנגענע טעג הויערן אין די פֿאַלדן פֿון זכרון
אַרויסצוקוקן מיט פֿאַרטראָגענע אויגן
צום קעגנוואַרטיקן טאָג.

די פֿאַרגאַנגענע טעג קלעמען אונדזער האַרץ,
דאָס מידע פֿון טאָג.

און עס שעצט זיי, דאָס האַרץ,
(יענע וואָס זענען פֿאַרגאַנגען)
ווייל אין זיי ליגט זיין חיות,
ווייל דער גאַנצער חלום אין נעכטיקן טאָג.

און אָן זיי —
ווערט עס
אין אייגענער עצבות פֿאַרצוקט.

שטאַפּלען

ווי פֿון אַ לייטער געשטעלט פֿון דער הייך
מיטן שפּיץ צו דר'ערד,
פֿאַלן די טעג
שטאַפּלען־ווייס, שטאַפּלען־ווייס;
אַ שטאַפּל — אַ טאָג,
אַ שטאַפּל — אַ טאָג.

און ווען זיי פֿאַרשווינדן
גייען פֿאַרקערט
דורך דער לייטער אַרויף
שטאַפּלען־ווייס, שטאַפּלען־ווייס;
אַ שטאַפּל — אַ טאָג,
אַ שטאַפּל — אַ טאָג,
די טעג.

און די לייטער שטייט,
ווי אַ צוויי־בריק,
אַ
ז
ו
י
און
אַ
ז
ו
י —
אייביק.

אַ לץ

אַ גאַנצן טאָג בלעזלט דער טאָג זיינע שעהן
אין ליכטיקן קרייז פון דער זון.
און מיט אַלע פאַרבן־ניגונים,
צעשפילט און צעזינגט,
אין טיפעניש פון נאַכט ער פאַרזינקט.

און אין חצות
קומט ער אין זכרון אומגעריכט,
ווי אַ לץ אין אָפשיינליכט.

דערנאָך —
פאַרכאַפּט ווי קינדער
אין בלעזלדיקער פאַרבן־נעץ —
ציען מיר צו אים די הענט
באַפרייט פון קומער,
ווען ער אַליין — אַ פאַרבן־לץ,
איז שוין נישטאָ מער.

שפּאָט

ווי אָרעם מיר שטייען ביים טאָג וואָס פֿאַרגייט.
ווי באַרויבן אונדז זיינע אַנטרונענע טריט.
וויפל חוזק אין דעם פֿאַרדעמערדיק ליכט.
וויפיל שפּאָט שפּיזלט־אָפּ זיין געזיכט.

אָבער ווען ער טוט נאָך האָריזאָנטיק אַ פלעמל,
בלייבן מיר פלוצים פֿאַרגאַפט, ווי אַ לעמל;
ס׳האַרץ קלעמט זיך איין, ווייטיקט און גלויבט,
אַז דער טאָג נישט־וויסנדיק איז גאָר באַרויבט.

ווייל ער איז גאָר אָרעם און האַלט זיך גרויס־גרויס,
און גייט מיט דער צייט אום גאַנץ פלאַט.
אָבער חוזק איז ער, און נישט אונדז לאַכט ער אויס,
נאָר אַליין ר׳איז צום סוף גאָלע שפּאָט.

דאַרפֿרוכט

װי אַ פֿאַרגעסענע פֿייג דערייפֿט אויפֿן בוים,
הענגט אונדזער טאָג, כאָטש מ׳זעט אים שוין קוים.

ער איז נישט קיין שפּעטפֿרוכט, נישט שווער צו באַגרייפֿן.
אומזיסט מיר האָפֿן אויף זײַן זאַפֿטיק דערייפֿן.

פֿאַרהוילן ביז שפּעט דראָט ער אַראָפּ,
װי אַ האַרטער פֿאַל פֿון אַ דאַרפֿרוכט אין קאָפּ.

פרוכטנפאַל

דער טאָג וואַרפט בלויז אָפּ זיינע שעהן
אין דער טיפעניש פון נאַכט אַריין,
כדי דער פרימאָרגן זאָל זיי געפינען
באַטויטע
אויף די אָנפּאַלהויפנס;
זיי אויפצוצילען
אויף די שימערשטראַלן
ווי רויטע קאָראַלן,
ווי גלאַנציק גאָלד,
זיי פונסניי אָפּצוּוואַרפן
שעה נאָך שעה,
ווידער אויפצושטעלן דעם טאָג
צו ווערן פרוכטנפאַל
פאַר נאַכט.

און מיר —
אין אונדזער זכרון הענגט ווי אויף אַ פאָדעם,
דער פאַרגאַנגענער טאָג
ווי אַ געקעפּטער חלום.


היחיד

[1939—1955]

צי דאַרפט איר נישט לערנען אַ זכות אויף די,
וואָס גייען אויף שטעגן,
זייטיקע שטעגן,
אַ לעבן אויף שטעגן,
און מיידן שאָסייען,
ברייטע שאָסייען,
אויף שטענדיק?

אָ, זייט נישט פאַרבלענדיקט!
אין גאַנג מיט מענגען, ווי מעכטיק דער שטראָם,
שלעפּט־מיט דאָך איעדער זיין אייגענעם תהום.
און תהום — איז גורל.
און גורל — אַליינשאַפט,
אפילו אין געמיינשאַפט.

לאָמיר לערנען אַ זכות אויף די,
וואָס מיידן
ברייטע שאָסייען,
און טרייבן
אין ים פון לעבן,
ווי זעגלען,
אי טרוימען אי ווייען
אויף זייטיקע שטעגן.

פאַרקנסונג

אַזויפיל מאָל ס׳איז קלאָר און שוין:
איך וועל די שטערן נישט דערלאַנגען, —
פּאַקט דאָס בלוי מיך און ווי׳ן טוי,
אַלץ וואָס האָט מיך ווען געפאַנגען
שפּילט זיך אָפּ אין איין טראָפּ בלוי.

כ׳טו אַ נעם דעם טראָפּן־בלוי
און זע: עס וועלטלט זיך אַ וועלט;
אין אים דער ים,
דער באַרג פאַראַן,
און ס׳גרינע גראָז אין פעלד.

און איבער זיי, ווען כ׳הייב די אויגן,
וועלביקט זיך דער רעגנבויגן.

מיטאַמאָל, ווי איין טראָפּ טוי,
פּלאַצט מיר אין די הענט דאָס בלוי.

ס׳איז געשפּליטער איבער ספערן.

ווייס איך שוין: איך בין פאַרקנסט
מיט די שטערן,
מיט די שטערן.

אָרדלערפּלי

און ווידער פּרילינג אויף די וועגן,
און ווידער ערד מיט רוים אין וועבן,
און בלוי און גלי,
און היים חמסין־געטרוים אין שוועבן,
און אַלעאַנדער־בלי
יומטובט אויף מיין שויב אַנטקעגן.

און ווידער יעדן מאָרגנפרי
גייט אין געוועט מיין אָדלערפלי.

גייט אָדלערפלי געוועט מיט הייכן,
מיט ווינטלדיק־געפּלים פון ריחות,
מיט בלום, מיט גראָז,
מיט ווייס־לבנה־שטראַל געשלייכן,
מיט שליף אין גלאָז,
וואָס שטערן אין די שויבן שלייפן.

נאָר פאַרדראָס ברענגט אין חצות
אָדלערפלי אַ פולע מאָס.

איז ווידער אָדלערפלי אַ מידער,
און ווידער פאַלט ער אינדערנידער,
און פּענט און קייט
און בלויז אַליינפאַרוויג אין לידער...
און הייך און ווייט
דרימלט ווי אַ חלום אין די גלידער.

ועט מיין אָדלערפלי מיט פרייד
ווידער צום פאַרמעסט זיין גרייט?

קומט ניי באַגין פון פרילינג־וועגן,
און ערד מיט רוים — אין ווידערוועבן,
און בלוי און בלי,
און היים חמסין־געטרוים אין שוועבן,
און אַלעאַנדער־גלי
— צעיומטובט אויף מיין שויב אַנטקעגן —

גייט פונסניי אין מאָרגנפרי
אויף פאַרמעסט מיין אָדלערפלי.

רשות היחיד

איר זייט גליקלעכער פון מיר מנסתם,
כוואַליעס איינצלנע
אין גרויסן ים.

אוודאי איז אויך בעסער אייך
פייגל
אויסצומישן זיך
מיט פייגעלעך אַ סך.

— און איך?
מיין גורל האָט געווים
מיך אָפּגעשטעלט
אין יחידישן רשות.

בין איך אַן איינצל־גייער אויף די וועגן,
וואָס קאָן נישט מיט די גרויסע קאַראַוואַנען זיך באַוועגן.

צער

ס׳האָט וואָרט אַזויפיל היינט געבעטן
פליסטער־תפילות אָן אַ צאָל,
ביז אין טאָג אַריין, אין שפּעטן,
און צעוויינט זיך אויפן קול.

האָט דער הימל אָפּגעוואָרגן
ס׳וואָרט פון קלאָג — פאַרשטומט דער קלאַנג.
אויך דער ים האָט׳ס אָפּגעוואָרפן,
ווי אויף ברעג זיין טויט געפאַנג.

טראָג איך אום דאָס וואָרט־אין־שטומען,
(ביידן האָט פאַרקנסט אונדז פּיין)
ס׳האָט נאָך קיינער נישט באַנומען
צער פון נישט־דערהערט־צו־זיין.

דער סנה

אויף די פאַרגאַפּטע שפּיצן בערג
שלייכט זיך שקיעה אין פּיאָלעט.
אוןביימער שטייען — אויסגעשטרעקטע הענט,
שאָרכן תפילות.

נידעריקער,
ווו דער הימל פאַלט צום ענד,
ווו די זון פאַרזינקט אין תהומות,
פלאַקערט סנה און פלאַקערט — —
און ווערט נישט פאַרברענט,
ווי הייסע אויסגעחלומטע חלומות.

הייב איך אויך די הענט
מיין תפילה נישט פאַרשעמען,
כאָטש איך וויים, פאַרווים איך וויים,
ווי נעכטן,
אייערנעכטן,
אַזוי אויך היינט,
וועט זי קיינער נישט פאַרנעמען.

דאָך שטייען ביימער אַריינגעגאַפט אין בלענד,
און סנה פלאַקערט, פלאַקערט — —
און ווערט נישט פאַרברענט...

פאַרשעמט

היינט האָט מיך אַ בלימעלע פאַרשעמט:
מונטער,
פריי
האָט עס געשמייכלט
צו דער זון.
און נישט געקלערט דערפון:
אַז אָט
וועט עס פאַרטריקענען
און דאַרבן.

און מיר סמט־אָפּ
דער „מאָרגן",
דער „וואָס וועט זיין?",
דער „שפּעטער",
יעדן שמייכל אין מיין בליק,
יעדע פרייד פון היינט,
יעדן טראָפּן גליק.

און איך — דער מענטש,
בין נישטיקער,
קליינלעכער,
און קלענער איז מיין ווערט,
פע, כ'לעבן!
פון דעם מינדסטן בלימעלע
אויף דר'ערד...

אַ תפילה

וואָס זאָל איך בעטן:
נצח נישט פאַרשטאַנענעם?
פאַרמיידן טויט דעם נישט-פאַרמיידלעכן?

ניין.

שענק די ברכה בלויז און בענטש:
די צייט זאָל האַלטן ריין
און נישט מטמא זיין
מיין צורת-מענטש.

קאָמיש

כ'האָב ליב דעם צוזאָג,
נאָך ליבער דאָס־האַלטן־וואָרט.

כ'האָב ליב די אָפנהאַרציקייט,
דאָס גלייכע קוקן אין די אויגן.

כ'האָב ליב דעם־אָ סאָרט

אמת

וואָס קיין שום חשבון
קאָן אים נישט באַצווינגען.

כ'האָב ליב,
און ליב,
און ליב...

ווי קאָמיש ס'זאָל היינט קלינגען.

אויסטויש

דער מאַנדלבוים, וואָס בליט אַזוי ווייס
אונטערן פענסטער,
און די פּאַלמע, וואָס שטרעקט זיך
שטאָלץ צום הימל —
גאַרן נאָכן שאָטן פון מיין וואַנט
זיך אַביסל צו דערפרישן.

וועל איך פּרוּוון מיטן צווייט
אַן אויסטויש צו מאַכן:
שענקען דעם מאַנדלבוים
שאָטן פון מיין היים,
דער פּאַלמע — וועל איך צאָלן
פאַר איר שטאָלץ
וויפיל זי וויל.
ווייל סע שעפּטשעט מיין שאָטן:
דו וועסט נישט צעבליִען...
און ס'ווינקט מיר די פּאַלמע
דורכן פענסטער אריין:
אַזוי שטאָלץ
און זיכער
ווי איך
וועסטו קיינמאָל נישט זיין.

ווי טאָג? ווי נאַכט?

אפשר ברויזיק זיין, ווי טאָג;
געשפּאַנט אין האַסטיקן געשפּאַן
פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס —
און גיין,
צו כ'ווייס-אַליין-נישט-וואָס,
אין גאַלאָפּ מיט זיך אַליין —
ווי ער?

צי אפשר איינרוען, ווי נאַכט,
אין לבנהשן פאַרוויג,
אין שטערנבלענד שעמעריר;
ווערן איינגעשטילטע שטילקייט,
און פאַרגיין
אין זיך אַליין —
ווי זי?

אין דערוואַרטונג

גוט איז אַפילו מיין שאָטן אויף די וועגן
ווו פרילינג שפרייט זיך שמעקעוודיק, קיל:
דער בלוי פון די רוימען
דעקט איין זיין באַוועגן
זיך שטיל —
און איך פיל:
כ׳בין אַ פּערעלע טוי,
וואָס הענגט אויף אַ גרעזל, —
אַ קנאָספּל, וואָס האָפט אויף פרילינג־באַריר,
אַ פלאַטערל, — האָט איצט נשמה באַקומען
און וואַרט אויף קאָליר...

איך גיי אויף די וועגן
און ס׳ווילט זיך מיר פרעגן
דעם פרילינג מיט פשוטער
ברודערשער שפּראַך:
ברודער דו מיין!
אַנטפּלעק דו דעם סוד מיר
פון תחית־המתים, פון נצחשן זיין —
פון בליִען אין שטאַרבן
און גליִען אין דאַרבן,
פון — אין אייביקן נישט־זיין
דאָס אייביקע זיין.

פרילינג אין גלי!
ווי גיך ביסט געקומען נאָך שנעלער אַנטלאָפן —
געהאָפט — כ׳וועל טרעפן
מיין אייגענעם בלי
און —
כ׳האָב נישט געטראָפן...

קוים וועסטו אין יאָרן אַמאָל אויף די וועגן
אַ פרילינג צעבלוטיקט, נישט צעפרילינגט
באַגעגענען
זאָלסטו נישט פרעגן —
ר׳איז מיינער!
גרים אים און זאָג אים:
איך אַליין —
בלוטיק אויך אויף די וועגן...

פֿאַרגאַנגענהייט

ווי צו אַ היילונגקוואַל ציִען מיר זיך צו דיר,
אין דיינע גערטנער אויפֿצוזוכן מיי.
ווידער לעבט אַלץ אויף און פֿאַרבט מיט שפּראַכקאָליר,
און אַלע פֿרילינגען ציליען זיך פֿאַרביי.

לייכטע יאָרן, ווי די אינדן אויף דער פֿריי,
היפּען אום פֿאַרשייט פֿאַר אונדזער טריבער טיר.
טויזנט חן־קאָלירן שפּיגלען זיי פֿונסניי, —
לויטער טראָפּנס טוי — פֿרימאָרגן־גרעזלעכם ציר.

וועקסטו־אויף אין טויבע פֿיין־מעת־לעתן,
אין טעג צעהודזשעטע ווי אַ יללה,
קלאַנגען אַלטע, ניגונים לאַנג פֿאַרגעסן.

וואָלט גוט אַזוי געווען אין דיר צו שוועבן,
ווען נישט מיר ווייסן, אַז סע איז די קללה:
מיט דיר, פֿאַרגאַנגענהייט, פֿריצייטיק לעבן.

פֿאַרטונקלטער טייך

אַלע, אַלע זייט איר נאָענט מיר,
ברידער פֿון מיין אָמעט.
די נאַכט האָט אונדז פֿאַרטונקלט
ווי דעם טייך.
דעריבער שטייען מיר פֿאַראומערט
ביי זיין ברעג,
דעריבער בייגן מיר די קעפּ אין טרויער
און טוליען זיך ווי גראָז
אין ווינט.

איך האָב געהערט אייער קרעכץ
אין בוים, וואָס קראַכט
פֿון דונער.
איך האָב געזען דעם טרויער אייערן
אין וואָלקן פֿאַר מיין פֿענצטער,
ווען ווינט האָט אים געשלעפּט,
נישט וויסנדיק פֿאַרוואָס.

איצט זע איך אייך
אין פֿאַרפֿייניקטן פּנים
פֿון מיין פֿאָלק,
וואָס קוקט צו מיר אַראָפּ
פֿון יעדן טרוקענעם צווייג
און שווייגט — —

זייט איר נאָענט מיר, נאָענט מיר,
ברידער פֿון מיין אָמעט,
די נאַכט האָט אונדז פֿאַרטונקלט,
ווי דעם טייך.

בלוטיק ליד

מיין ברודער — משה׳ן
אין יזכור־טעג נאָך אונדזערע טאַטע־מאַמע
און אומגעקומענע געשוויסטער.

אין אויפגעטויכטע תשרי־טעג דאָ צווישן בערג און ים,
מיט ברייט־צעצווייגטע פּאַלמעס, מיט געלער זאַמדן־ראַם,
מיט הימלען טיף־צעבלויטע, מיט הייסער זון צעגליט —
איז אויפגעגאַנגען בלוטיק טיף אין מיר מיין ליד.

איך האָב אַ ליד וואָס בלוטיקט און קלאַפּט זיך אין מיין טויער,
ווי־נאָר די טעג־אין־יומטוב דערמאָנט עס מיך מיין טרויער;
ווי־נאָר ס׳ע העלט אַ זון מיט פרייד, מיט ליכט, און לאַכט —
גייט־אויף דאָס בלוטיק ליד מיינס, פאַרשטעלט זי, — און ס׳איז נאַכט.

אַזוי איז שוין דער ניגון, בלויז אַבלדיק ער קלאָגט.
האָט ער זיך שטיל צעכליפּעט אין יומטוב־תשרי־טאָג;
ווען יאַקאַראַנדעס גרינע בליִען לילאַ־צאַרט,
און דער ציפּרים שטאָלץ צו הייכן שפּיצט און גאַרט,

ווען פייגנבוים, דער ברייטער, שמעלצט פריידיק זיך, געניסט
פון זון, וואָס ווייך דעם האָניק אין זיין פרוכט זי גיסט,
ווען אַלץ אַרום שטייט שלווהדיק די לענדן אָנגעגורט,
אין אייגן בלי פאַרבלענדיקט, מיט פּירותדיק געבורט —

טויכט־אויף דער ניגון מיינער, פול צער, פול ווײ, פונסניי.
און כאָטש איך וויל פאַרבלייבן דעם אַלץ־אַרום געטריי;
נישט די פרוכט פאַרשעמען, נישט דעם צאַרטן צווייט —
טויכט דאָך פון טיפן אויף דאָס ליד, מיין בלוטיק ליד...

פרילינג

א.

רופסט מיך, פרילינג? ווידער האָסטו אויפגעוואַכט
פון אַלטן שלאָף מיט יונגגן בלוט און פיבער.
רוף מיך נישט! איך בין נאָך אַלץ אין נאַכט פאַרטראַכט,
מיר זענען די קאָשמאַרן נישט פאַריבער.

ביסט נישט אַליין. ס׳גייט־מיט מיט דיר די זון און לאַכט,
און קוואַל נאָך קוואַל קוועלט־אויף און קוועלט זיך איבער.
בלום און גראָז, די ערשטע פון דיין טראַכט, —
מיט דיר אין גאַנג דורך הייכן, פלאַכן, גריבער.

רוף מיך נישט! מיך ציט נישט צו דיין טרייסט איצט קיין פאַרלאַנג.
עס קלינגט נישט אָפּ אין האַרץ דיין גרין געזאַנג.
נאָך אַלץ איך פיר זיך מיטן אומעט האַנט ביי האַנט.

און וועט דיין צויבער מיר אַ כישוף טאָן,
וועל איך שטיל אין פלאַטער — ווי אַ טרויער־פאָן,
שוואַרץ באַשאָטענען דיין גרין געוואַנט.

ב.

וואָס איז עס? ניגונים, צעפלויערטער פלויער,
וואָס שווימען צו מיר אַראָפּ פון דער הייך?
און ווער איז דער פלאַטער? אַ פויגל, אַ בלויער?
צי פרילינג גאָר וואַכט אין מיר אויף אַזוי רייך?

דער פרילינג אין מיר? איך פרעג און באַדויער,
ווייל איך בין דער האַרבסט מיט טריבן געשלייך,
און ווערבעס פאַראומערטע שפיגלען דעם טרויער
אין אויג מיר אַריין, ווי אין טונקל פון טייך.

זאָל קומען דער פרילינג מיט גלי און מיט ליבע,
זיין בלי זאָלן ווינטלעך פאַרשפּינען אין טרוים,
און טאָפּלטער לאָקן זאָל מאַנדלבוים-צווייט —

איך בלייב דער האַרבסט מיט שלייך-ווינטן טריבע,
די ווערבע — וואָס טראָגט דעם טרויער אין קרוין,
דער אייביק-פאַרטונקלטער טייך אינדערמיט.

קנאה

מיין אומעט —
די פרוכט פון פאַרשטיינערטע טרערן
וואָס קאָנען נישט פאַלן —
איז מקנא די שקיעה — דעם טרויער
פון טאָג:

פאַרוואָס רויטלט זיך דער טרויער
אַזוי שיין אין מערב?
זע ווי ס׳גייט־אויס אַזוי ראָזיק
דער טאָג אויף די בערג
און פאַלט זיי פיאָלעט צו די פיס.

און מיין אומעט —
פאַרוואָס? —
איז צוקנדיק־שוואַרץ
און איז אַזוי מיאוס.

אַ שטראַל

אַ וואָלקן האָט דאָס פּנים פֿון דער לבֿנה
ערגיץ פֿאַרטראָגן.
טראַכט איך:
ווי מעכטיק דאַרף דער וואָלקן זיין,
אַז ער לעשט־אויס די לבֿנה...

ווייזט־אויס אַז ס׳קאָן אַפֿילו דאָס ליכט נישט דערטראָגן
אַזאַ טרויעריק־פֿינצטערע משׂא אויף זיך —
ברעכן די שטראַלן זיך איין
און ווערן פֿאַרלאָשן.

איך —
וואָס זאָל איך דיר זאָגן?
בין אויך נישט מער ווי אַ שטראַל,
וואָס קאָן נישט
די שווערע פֿינצטער־משׂא
דערטראָגן.

קיינמאָל

קיינמאָל וועלן וועגן נישט אַנטלויפן
פון זייער וועגנקרייז.

דו —
וועסט שטענדיק שטיין
אויף קרייצוועגן אַליין.

אַזוי איז עס געווען,
אַזוי וועט עס אויך זיין
אין דער אייביק-אייביקייט אַריין.

וועגן,
צו זייער קרייז-און-קנופּ-פּונקט
קערן זיך צוריק.

דו,
וועסט שטענדיק בלאָנדזען
מיטן בליק,
זוכן זיך אַליין
אַ חלום פאַר אַ בריק.

און קיינמאָל, קיינמאָל טרעפסטו נישט
דעם אויפצוריק.

שפעט

מיין ליבשאַפט —
שוין אַן איבערגערייפטע פרוכט,
הענגט פאַרגעסן צווישן צווייגן.

אייגן זי איז,
אַרטיק
און פאַרשייט.
געהערט נישט קיינעם —
און איז פאַר אַלע.

איך זאָרג נאָר פאַר דער צייט
ווען זי וועט
(אין אַסיענדיקער קעלט)
אַרונטערפאַלן,
אַליין־פון־זיך אַרונטערפאַלן —
אויף אַ ליידיק פעלד...

געוועט

נישט שווער צו וויסן וואָס פאַר מיין טיר
וועט היינט זיך לייגן:
די פרייד פון הויכע בשׂורה־טעג,
צי אומעט
וואָס וואָלקנט תמיד אויף די וועגן.

ס׳איז פריי דער וועג צו מיר פאַר יעדן.
איך —
ווי אַלעמאָל —
זיין און וואַרט.

עס האָט דער אומעט היינט די פרייד פאַרנאַרט
ביז צום ים אָוועקצוהינקען,
דאָרטן זיך געוועט:
ווער קומען וועט
דער ערשטער צו מיין טיר.

זעט,
אָט לויפט פון דאָרט צו מיר
דער וועט־געפיבער;
איינס־און־צוויי!
דער אומעט יאָגט די פרייד אַריבער.
וואַרט, —
און אפשר — —
ניין.
דער אומעט איז שוין ווייט פון איר.
אָט נענטערט ער זיך מיט געפענד אָן אויפהער —
איין שפרונג!
און —
ר׳איז אין טיר.

דער אומעט איז ווי אַלעמאָל
אַ בעסער־אויסטרענירטער לויפער.

מײַן פֿאַרמעג

אַ פּאָר שוואַרץ־שוואַרצע אויגן,
אַ קאָפּ שוואַרצע האָר,
אַ האַרץ,
אַ בלײַ און פּאַפּיר
און יאָר...
(זאָג איך נישט וויפֿל יאָר!)
דאָס וואָס איך פֿאַרמאָג.

זאָג,
נאָך רײַכערער פֿאַר מיר פֿאַראַן?

דערווײַל בין איך אַן אָרעמאַן;
די צײַט האָט צוגערויבט דאָס שוואַרץ
פֿון די האָר
און דעם גלאַנץ פֿון די אויגן.
אַ האַרץ?
ווער דאַרף עס הײַנט.
די בלײַפֿעדער האָט אויך שוין פֿײַנט
נישט דערהערט צו ווערן.
און די נישט־געזאָגטע יאָר
(נישטאָ שוין וואָס צו קלערן)
קנאַפּ ווערט זײַער פֿײַער...

בלײַבט־איבער מיר
ס׳פֿאַרשריבענע פּאַפּיר,
ווײַל ס׳נישט־פֿאַרשריבענע
ווערט טײַער אַלץ און טײַער
און שפּרינגט אין אַן־סופֿיקער הייך.

זאָג,
בין איך נישט רײַך?

באַלוינונג

איצט —
די צייט פון שוואַלבן־פּלאַטער
פאַר מיין פענצטער —
קומט דער לוין.

דעם הימל —
פאַר זיין אומדערמידלעך טאָגיק בלויען —
טוט די זון מיט שאַרלעך־רויטן גלאַנץ
באַלוינען.

פון דעם נישט־געאַנטן־ווי
פלייצט אויף ביימער עמערס רו.

און מיט גאָלד־באַהויכטע טרוימען
טוט אַ האַנט געהיים באַזוימען
די פאַרטורעטע, צעגאַפּטע קרוינען.

ווער פאַרנעמען וועט דעם וויינגעצאַפּל־טלי
אינעם אויגן־אַפּל פון מיין ליד?

מיסטישער שוואַלבן־געשוועב פאַר מיין פענצטער,
שאַרלעך־רויטער גלאַנץ, דו שענסטער,
שטיל פאַרטרוימטע ביימער־קרוינען —

ווער וועט מיך באַלוינען?

אַ טראָפּן טוי

איך ווייס:
איך בין אַ טראָפּן טוי —
און גוט איז מיר אַזוי.

אָוונט —
מיט די שטערן גלייך
ווער איך געבוירן,
און פֿאַרטאָג, ווי זיי,
פֿאַרלוירן.

איך בעט נישט מער
און וויל נישט מער,
כ'שווער:
איך בין אַ טראָפּן טוי —
נישט מער.

מיין גאַנץ פאַר-שעהן-לעבן —
אויף שאַרף
פון גרעזל-שווערד
און בין —
ס׳גליקלעכסטע באַשעפעניש
אויף דר׳ערד.

ביינאַכט —
ליגן אַלע שטערן שטיל
די קעפּ ביי מיר אין שוים
און חלומען צעפינקלטע
די בלאַסטע חלומות אויס.
און פאַר די פרי-באַגינען-שעהן
טראָג איך גאַנצע וועלטן פאַרב
אַרויס.

און פאַל איך —
איז בלענדיק
אויך מיין פאַל:
שטענדיק,
שטענדיק,
פונעם ערשטן שטראַל
אַ שטאָך,
אַ ציטער,
אַ שעמעריר,
און כ׳ווער צעצויגן,
און גיב אַ שווים
און אַ צערין
אין מיין אייגענעם רעגנבויגן...

און — פאַרפלויגן.
און פאַרלוירן.
אויס.

קומט אונטער-צייט —
ווער איך ווידער שוין געבוירן.

אזוי —
טאָג-איין, טאָג-אויס.
טוי —
אַ טראָפּן בלויז.

יגוניה

מיט פאַרנאַכטן שיכור איך באַזאַמען
וויינקאַליר פון שקיעה־כוס.
איך שיכור — כ׳וויל פאַרגעסן דיך,
נאָר כ׳קאָן נישט —
זאָג פאַרוואָס ?

גוט, אַז הערצער ווערן שטיין,
דעם רוגז לעשן די מעת־לעתן.
גוט, אַז וויינקאָליר מוז אויך פאַרגיין...
נאָר דיך, יגוניה, קאָן איך נישט פאַרגעסן —
זאָג פאַרוואָס ?

עס גיט פאַרנאַכט אַ לעצטן צאַנק,
און וויינקאָליר האָט אויך זיין מאָס...
כאָטש אויסגעניכטערט זע, איך דאַנק,
וואָס כ׳האָב דיך נישט פאַרגעסן —
זאָג, פאַרוואָס ?

גוט, אַז האַרץ פאַרגעסט די לוינען,
און רוגז ברענט נאָך דורך מעת־לעתן.
גוט, אַז וויינקאָליר וועט ווידער שוימען
אויף שיכרן פון שקיעה־כוס
דיך צו פאַרגעסן.

דיך צו פאַרגעסן און נישט קאָנען —
זאָג, פאַרוואָס ?

געזאַנג צו דער נאַכט

חנה ראַבינאָן

איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי איז די עכטקייט.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי ווינקט מיט שיין
פון טויזנטער שטערן,
פון טויזנטער ליכטער,
און וויגט מיך אין וועלטן
נישט דאָאיקע איין.

איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי איז די שטילקייט.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי רואיקט-איין
דאָס ברויזיקע בלוט
פון טאָגיקער וואָר
וואס האַלט אין געפּעכט מיך
פון „זיין, צי נישט זיין".

איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי איז געטריישאַפט.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי קאָן פאַרשטיין
דעם איינזאַמען טראָט
אויף נאַכטיקע גאַסן,
דעם אומעט, דעם צער,
דאָס שטומע געוויין.

איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי לאָקט-פאַרלאָקט מיך.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל זי איז געהיים.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל חלום זי שפּינט מיר.
איך זינג צו דער נאַכט
ווייל איך בין אַליין.

פון וואַרשטאַט

געבורט

שטעלט זיך אַוועק אַן אות
און פאַרטראַכט אַ וואָרט,
וואַקסט שוין אויס אַ שורה,
לויפט־אונטער איר אַ פערז
און שלעפט מיט זיך שוין מיט
די גראַמען אַלערליי,
דאָס נעפּלדיק געמיט,
און די אידייע
פון פאָרעם און פון ליד.

טיפקייט

ווייל אַלע לידער לויפֿן גלאַטיק אָפּ
צום צילבאַוווּסטן זין,
האָב איך ליב די איינצל־ווערטער־שורות,
וואָס פֿאַרווערן,
וואָס שטעלן־אָפּ,
וואָס האַלטן־אויף
און האַמעווען דעם ציל־געלויף —
עס זאָל דער זין פֿאַרטראַכטן זיך
און טיפֿער ווערן.

דער ספק

דער ספק גייט־אום צווישן שורות
ספקות אויסצוגלייכן;
גייט ער דורך טונעלן פון געמיט,
דורך אַלע מעגלעכע פֿאַרנעפּלונגען
פון ליד —
און קאָן ביים קאַמער,
ביים לעצטן פּונקט,
אָפּטמאָל זיך אַליין נישט ווייכן,
און ווערט אין נישט־פאַרענטפערקייט
אַליין דער פראַגעצייכן.

עכטקייט

נישט זוך דאָס ליד
אין זיין טעמע.

נישט זוך דאָס ליד
אין לאָגיק־בוי.

נישט זוך דאָס ליד
אין זיינע גלאַנצן.

זוך עס ווו דו ביסט
אינגאַנצן.

ס׳גייט דאָס ליד נישט אויף קיין פשרה
פֿאַר קיין האָר נישט;
גיסטו זיך נישט אים אינגאַנצן,
איז עס גאָרנישט.

גוטע קריטיק

יעקב גלאַטשטיינען

ווייסטו נאָך נישט ווי זי צו באַקומען?:
חוצפּהדיק פֿאָדערן ביי נאָענטע,
ביי חשובע — בעטן אַ נדבה,
סוחריש נאַרן גאָלדן-וועטקיש
די נאַאיווע,
און פֿאַנגען קליין-נשמהלדיקע
ווי אַ סאַרדינדל.
ועל כולם (ווייסן מיר)
שמור לי ואשמור דיר
צעמענטירט שוין אַ געזינדל...

אָבער ווען עס קומט אַ מענטש
(איבער זיך אַליין דער האַר)
אָנשטאָט
אַ נדבה-געבער,
אָנשטאָט
אַ נאַאיווער,
אָנשטאָט
אַ נאַר —
אַ מענטש פֿון דעם וואַרשטאַט,
מיט עקל צו דער חוצפּה,
צו דעם נדבה-קלייבן,
צום געזינדל-שווינדלעניש,
צום לאָקערישן קרעמער-שמייכל —
און גיט אַ קלאַפּ אין טיש:
„סוחר, אַרויס פֿון היכל!"

פּראַוועט דאַן איר עכטן זיג
די אמתע לשמה-קריטיק.

אַ תּפֿילה

נישט ווי דאָס געפּילדער, וואָס ווייזט מיט חוצפּה פּאַריסן
אויף שורות — קורצע און לאַנגע,
אין ריטמישן פֿליסן —
זאָל זיין מיין ליד.

נישט ווי צעפּרידן־זאַט און געצירט אין אייגן נחת־ציר,
מיט גלוסט צו גאוהקער כבוד־קרוין,
די קרוין פֿון פּאַפּיר —
זאָל זיין מיין ליד.

נישט ווי די זיסקייט געזיסט אין אייגן לאַקריץ־צוקער,
און „פֿאַרשטענדלעך" — אָפּגעגאָפּלט
פֿון טיפֿקייט און מקור —
זאָל זיין מיין ליד.

נישט ווי די ליידיקע ניסלעך, אויסגעהוילטע פֿון יאָדרע,
וואָס בלויז סוויסטשעדיק פּוסט
פֿאַר אויער, און מאָדנע —
זאָל זיין מיין ליד.

און נישט ווי ווערטער און ווערטער אין פּאָזע געקלאַנג,
וואָס האָבן גאָרנישט מיט רמז,
מיט רעדעוודיק שווייגן,
מיט חלום און געדאַנק —
זאָל זיין מיין ליד.

לידער

פון

שטראַליקן טרויער

די געפאַלענע אין אונדזער באַפרייאונגס־מלחמה
און זייערע פאַריתומטע עלטערן — געהייליקט.

[1946—1950]

דער טרויער אין בלוי
און דאָס בלוי אין טרויער
פינקלען מיט טרער פון פרייד און געוויין.
פון בלוי־ווייס געמיש
דער פּיין
וועבט מלכות־פּענער דאָ אויס נישט אומזיסט.

ווייל
וואָר פון חלומות
געשפּינט האָבן דורות
גליט איצט אין טרויער פון פרייד דאָ און גיסט
אַ גיסונג פון בלוי,
און בלוי איבער בלוי, —
און טרויער אין געבלוי.

עקדה

מיר לויפן דעם טאָג דאָ אַנטקעגן
ווי שאָף, זייער פאַסטעך פאַרלויערן,
און בעטן: שפּיל פאַר אונדזערטוועגן,
שפּיל, טאָג, פון טאָג אין די אויערן.

דער טאָג שטעלט זיך אָפּ פון דערווייטן
און שפּילט פון זיין פייפל אַ מוראיקס:
— אויב ווילט איר מיך טאַקע דערגרייכן,
זייט איר גרייט אויך אויף טרויעריקס?

צי קאָנט איר באהבה זיך לייגן
אַן עקדה אויף מיינע מזבחות?
דורך אייער הקרבה אויף וועגן
מיר וועלן זיך ביידע דערגרייכן.

— מיר טראָגן זיך, טאָג, דיר אַנטקעגן,
נישט צייט שוין דערגרייכן זיך ביידע?
וויפל נאָך מזבחות אויף וועגן
וואַרטן אויף אונדזער עקדה?

די נעכט דאָ...

די נעכט דאָ, מיט שטערן צעבליטע,
טריפן טוי ווי טרערן פון וויִעס,
דאָ שטייען־אויף זריחות צעגליטע
און רויטער פאַלן די שקיעות.

די תפילות שוועבן דאָ הייסער,
די האָפענונג — וואָר און צעבלויטער.
דאָ שטראַלט בטחון פון הייזער,
דער יאוש־געפיל פאַלט אַ טויטער.

דאָ בינדן זיך הערצער אַלץ ענגער,
איינאיינציקער ווונטש איז אויף ליפן...
דאָ ביילן זיך פויסטן: באַדרענגער!
ווערסט נישט איבעררייסן די קנופן...

דאָ שפירט מען דעם גואל אויף די וועגן,
ווען זיין טראָט פאַרזאַמט זיך אפילו.
מיט ביקס היינט מיר גייען אים אַנטקעגן,
ער אונדז — מיט שופר פון גאולה.

באַלאַדע וועגן 29-טער נאָוועמבער-נאַכט 1947

נאָוועמבער-נאַכט אין דערוואַרטונג געשפּאַנט איז,
פּאַמעלעך זי שלעפּט די מינוטן.
דער גורל, וואָס הענגט אויף תהומיקן-ראַנד איצט,
גליווערט און קאַכט-אויף די בלוטן.

ס׳האָט פּלוצים געטאָן אַ יובל אין לופטן:
באַפרייאונג! באַפרייאונג! אוי, אמן!
פון יובלען אַרויס איך הער ווי עס רופט אָן
ווער היימיש מיך דאָ ביי מיין נאָמען...

אָט דוכט מיר, אַז דער דאָ, אפשר דאָרט יענער?
און אפשר ווי איינער גאָר אַלע?
דער עולם וואָס טאַנצט, דער פלאַטער פון פענער —
און מיך האָט אַ שרעק איצט באַפאַלן.

„זעי-נאָר, אָט גיי עך צוזאַמען מיט דיר דאָ,
די האָסט נישט גערעכט זיך מסתמא,
אַז אָט אין דער שעה פון פרייד אָן אַ שיעור דאָ,
וועט זיין ביי דיין זייט אויך דיין מאַמע״.

„מאַמע?! ווו ביסטו?!״ איך קוק אין די זייטן,
פאַרויס, הינטער זיך, און באַוווּנדער:
דער עולם צעפאַלט אין כוואַלישע בייטן —
מיין מאַמע טויכט-אויף ווי אַ ווונדער.

מאַמע, מיין מאַמע, די טויטע פון דאָרט, מיר
גייט זי מיט לייכט-שוועב אַנטקעגן — —
איך ציטער און גאַף, ס׳פאַרגליווערט דאָס וואָרט מיר:
„אויך דו, מאַמע, דו?...״ וואַג איך פרעגן.

„אוודאי אויך ער", טוט מאַמע מיר זאָגן,
„די שׂמחה געבראַכט מעך אַהעיער..."
„איז וואָס־זשע, אין שׂמחה, דאַרפסטו נאָך טראָגן
אויך איצטער דיין פּעך־שוואַרצן שלייער?"

„זון מיין, פאַרגעס נישט, עך לעיב נישט, עך שוועיער —
אָט זעיסטו דיין טאַטן? ס'פאַרשטעלט אים
דער טלית זיין ברייטער... ווייס ר'איז נישט מעיער...
און זעי, די עטרה, זי פעילט אים...

און זעי דיינע ברידער, זעי דיינע שוועסטער,
זעי אַלע נשמות דאָ שוועבן.
זיי פרייען זיך מיט... נישט לעסטער, נישט לעסטער,
די מיזט אונדז די שוואַרצקייט פאַרגעבן."

נאָך אַלץ איך פאַרשטיי נישט: טרויער וואָס מאַכט דאָ?
גיט פלוצים מוזיק אַ צעשפּיל זיך.
די עדה נעמט טאַנצן, פליעסקעט די נאַכט צו,
און מאָדנע, ווי מאָדנע, איך פיל זיך:

מיט עולם איך שווים און יובל באַזאַמען,
און פאַקלען ווי שטערן צעברענטע.
פון לינקס — דער טאַטע, פון רעכטס מיר — די מאַמע,
אַרום מיר — דאָס פאָלק, דאָס פאַרלענדטע.

זע איך: עס פלעכטן זיך דורות צוזאַמען
אין ראָד פונעם טאַנץ, פונעם הייסן;
הימל מיט שטערן, די בערג און די ימים
טאַנצן מיט ביזן טאָג, ביזן ווייסן — —

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

און נעמט דער פרימאָרגן מיט ברען אַ באַניי טאָן
די נאַכט־פרייד מיט בלוי־ווייסן גלויבן —
די עדה, די טויטע, פאַרשווינדט. בלויז פון וויטן
צוקט שוואַרץ דער שלייער פאַר די אויגן...

דער טויער פון טרויער

עס עפענען זיך טויערן אַריין אין אַ טויער
און דער רוים דאָרט ווי לאָקיק און העל.
מיר מוזן מיט ציינער פאַרשווייגן דעם טרויער
און היפּן אין געאייל צו זיין שוועל.

ווייל צום טויער וואָס קוקט דורך טויערן ווי רינגען,
גייט טרויער זיין גאַנג מיט געזאַנג.
זינגען די שוועלן, די ביישטידלעך זינגען —
מיט שטאָלץ קלינגט אונדז אָפּ דאָס געזאַנג.

אַזוי דורשטיק נאָך רוים מיר איילן דעם שפּאַן
פון אָוונט צו אָוונט דורך מינען.
דערגרייכט שוין דעם רוים — ווען מיר זיך דאַן
אין טויער פון טרויער געפינען.

דער שטראַליקער טרויער

אונטער הימלען ווי בלויע געוועבן
גייט טרויער אַרום און ער שטראַלט —
אַנטפּלעקט דאָ פּאַר יעדן.

צו זינגען דעם פּיין דערשיינט ער,
צו מלכות דורך בלוט אַ געקריינטער...

ווי דער ווונדער פון יש מאַין
גייט־אויף דער טרויער אין געשטאַלט דאָ
פון חבר,
געליבטן,
און זון —
צעשיינט און צעשטראַלט דאָ.

און אַזוי ביי אונדזער טיש — געציילט נאָך,
און אַזוי פּוס־טריט ער גייט־נאָך
אַלע יומטובים און פריידן —
אַנטפּלעקט פּאַר אַ יעדן.

אויסגעהאַפּטער טאָג

דער טאָג אויסגעהאַפּטער, נאָכן גואל געגאַרט,
אַט וויקלט ער אויף זיינע פאַנען.
און מיר, ווען מיר לאָזן די פרייידטרער פון הארץ —
קומט דער טרויער אים אַנטקעגן אין פּנים.

פיר אים, טרויער, אַליין
צווישן פאָן און געזאַנג —
דעם טרויערגאַנג צו גיין.

פיר דעם טאָג אויסגעהאַפּטן אַהין
צו בערגלעך געביין,
צו מצבה און שטיין —
און היים אים אין פאַרכט זאָל ער קניִען.

און גוט, אַז עס וועט זיך דער טאָג דאָרט פאַרהאַלטן,
באַנומען אין ציטער פון גרויל,
צו זען ווי אונטער די בערגלעך
ליגט פאַרשאָטן
זיין גואל.

עס זאָל אין די טעג פון שׂמחה, אין טויער
שטיין אַ טאָג, כאָטש איינער,
אין טרויער.

מוטער און פֿאָן

זיי מוחל אונדז, מוטער, דעם יומטוב אין גלאַנץ.
זיי מוחל, זיי מחול,
דעם אויפֿמאַרש פֿון פֿרייד.
זע:
ס'פֿאַלט כורעים פֿאַר דיר דער פֿאַרשיכורטער טאַנץ,
ווען טאָג ווייט אַרום
זיין בלוי פֿאַר אונדז שפּרייט.

היינט ביים אויפֿמאַרש פֿון פֿרייד און פֿון טרויער,
ווען ס'פֿליט מיר געווירבל אַנטקעגן,
האָב איך דיך געזען אויף אַ ראָג אָפּגעזונדערט,
פֿאַרשטילט אין דיין וויי,
צו דער פֿאָן זיך פֿאַרנייגן.

אַ מוטער, מוטער —
איך פּיל־אָפּ דיין האַרצקלאַפּ אין טאַקט פון די פּויקן,
דאָס שטום געטריף פון דיין טרער — אין די צימבלען.
איך וויים:
פאַר דיר איז דער יומטוב, פאַר דיר דער גלאַנץ
פון פאָנען־פלאַטער,
געפּויק און טאַנץ.

מוטער —
קוים זע איך: דער אויפמאַרש דיך רינגלט אַרום
מיט וויים און מיט בלוי,
מיט שוימיקער פרייד,
גייען די נעכטיקע טעג אויף אין שאַרך
מיט פוסטריט פון טרויער־באַגלייט...

איצט פלעכט זיך אַנטוישונג מיט האָפענונג דורך,
ווי שימער פון ליכטער־און שאָטן־געפלעכטן,
און פרייד
און אומעט
דיין פּנים פאַרשפּינט.
געדענק איך:
עס איז דאָך אויף פעלדער, אין מדבר, ערשט נעכטן
העלדיש געפאַלן דיין קינד.

פון שוימיקער פרייד גייט דיר אויף איצט דיין טרויער,
אונדז אַלעמען צינד ער מיט פינקל־געפונק —
ווי דערלאַנגט מען דיר פרייד,
ווי זינגט מען דיר לויב —
אַז אָרעם,
ווי אָרעם,
די צונג...

ביים אויפמאַרש פון פרייד דורך די גאַסן געצויגן —
דו מיט דער פאָן אין ווייַ דורכגעגליט.
ווי קאָן מען דען האַלדזן אפילו מיט אויגן
דיך — אין שיין פון דיין טרויער געהילט.

מאַרש פון געבויגענע פאָנען

ווען צעהוליעטער טאָג, ווי אַ שיכור, שלאָפט־איין,
דעם טרויער פאַרוויגט אין זיין שוים,
פאַרנייגן פענער די קעפּ נאָך דער ריי —
עס גיין טאַטע־מאַמע
צו אבלות אַרוים.

מיט זיי איז באַהעפט — אַ פאַרהוילן געשטאַלט.
דער גאַנצער אַרום — אין פאַרנייג.
אַז מען קלאָגט גאָרנישט דאָ, אַז אַלץ אַזוי שטיל —
שווייגט געבויגן דער טאַטע,
די מאַמע פאַרשווייגט.

דורך די דריי, איצט נשמה־באַהאָפטענע, גייט
מאַרש פון געבויגענע פאָנען פאַרביי — —
בלייב שטיין! אַ ווײַלע דיין אָטעם פאַרהאַלט!
און זע:
דער טרויער — שטראַלט.

לאָרבערקראַנץ

דיין טאָג איז פאַרטרויערט נאָכן זון וואָס ער פעלט דאָ,
ווען פרייד צעשאַלט איצט קריינדלעך אים קריינט.
זע-נאָר זע, מוטער, זע!
ווי אַלץ איז צעהעלט דאָ
פאַר דער יתומקייט דיינער,
פאַר זיין אָנדענק וואָס שיינט.

פון בלוי טוט אַ לאָרבערקראַנץ פלעכטן דער הימל אים.
די לאַנדשאַפט —
אָטעמט זיין ווען און היט נאָך
דעם שיין פון זיין זיין —
דערלאַנגט דאָ דעם גלימער אים.
די ביימער מיט גרינצווייג געבן די תהילה אים;
דער איילבירט —
ווי פערל די בירטן טוט צילען אים,
דער לאָרבער —
מיט פאָרכט נעמט די בלעטער באַהענגען אים.

ווער וועט צום קראַנץ דאָס שענסטע נישט ברענגען אים?

בלויז דאָס האַרץ דיין פאַרוויטיקטס,
בלויז דיין טאָג אין באַדויער,
צווישן איין פלעכט און צווייטן
פלעכט-אַריין אים זיין טרויער.

אַזוי דאָ צעפלאַמט, ווי אַמאָל, גלייך ער לעבט,
וועט זיין אָנדענק אויך איצט אונדז אָנצינדן גלויבן —
און דו וועסט אַרומגיין
(ווי ער האָט געשטרעבט)
מיט פנים צעשיינטן, מיט קאָפּ שטאָלץ-געהויבן.

טאָ ברעך נישט צעזאַמען, מוטער, אין טרויער.
אין ליכט פון זיין אָנדענק וואָס צינדט דאָ אַלץ אָן,
הויך האַלט דעם קאָפּ!
פאַר אים און פאַר דיר דאָ
פאַרנייגן זיך טיף וועלן מיר, וועלן מיר דאָ.

דער אַיִל

לויט די רייד פון אַ פאַריתומטער מאַמען

דו ביסט די שקיעה פון דער זריחה נאָך איידער איר אויפגיין,
ביסט די דעמערונג וואָס טריפט און גליט
אין בלויען האָריזאָנט פון מיין גאָרן.
און אין די גאָרטן־בייטן
פון אָנסופיקער בענקשאַפט — ביסטו וואָס ציטערט
ווי אַ וועלקבלאַט, נאָך איידער זיין אויפשפּראָץ.

דיין אָנדענק הויערט און געוועלטיקט אין רוים פון זכרון —
אַ זיס־ביטער געמיש,
דער טעם פון פאַריתומטן האַרץ.
דיין צעשטורעמטן אָנדענק האָב איך פאַרגליווערט
אין נעפּלען פון די טרערן — טרעט ער נישט אָפּ
פון מיין טיף־קלאָרן בליק.

דו, געפאַנגען און פאַרפלאָנטערט אין מיין אומעט־פלאָנטער,
ווי דער אַיִל מיט די הערנער,
נאַכט־נאַכט.

דו, אויפן גרייטן מזבח פון מיין לאַנד,
ביסטו —
און נישט דער אַיִל־קרבן —
געבראַכט.

צינד נישט אָן דאָס ליכט

ד. צ׳. — געווידמעט

שטיי נישט אין דער נאָענט פון ליכט,
ווי דעם חלב וועט עס דיך
פאַרצוקן.
באַפריי דיין אָטעם פון שוואַרצן וואַל,
וועט זיך זיין פלעמעלע
פאַרשלוקן.

שטיי נישט אין דער נאָענט פון ליכט.

צעשימערט טוּכט דאָן אויף זיין דמות,
צעהעלט עס טאָפּלט נאָך
דיין צימער.
אין זיין אָנדענק — אַ פּראַכטן־פלעמל,
ווערט בלאַס און בלאַסער
ס׳ליכט־געפלימער.

צינד נישט, צינד נישט אָן דאָס ליכט.

אַ לויבליד דעם טרויער

דער טרויער וואָס צירט זיך אין צירן פון מלכות,
אין פורפורנער טאָגע פון אַקסלען ביז פיס,
איז דער וואָס פאַרבעט
און ווערט אַליין פאַרבעטן
דעם יומטוב געניסן.

ווייל דער יומטוב־אין־טרויער
איז ער וואָס באַשיינט;
צוליב אים,
צוליב אים איז די שמחה באַשערט דאָ,
ווייל ער — דער וואָס שטראַלט היינט,
און ער — דער וואָס שאַלט היינט,
און אים די קרוין פון מלכות געהערט דאָ.

גוט וואָס ער רעדט אונז גאָר־אַנדערש צום האַרצן.
גוט וואָס ער שיינט און איז נישט אין שוואַרצן.
און גוט ווען אפילו אַ טרער זיך צעגלאַנצט.
אַ לויב אים, אַ לויב!
דער טרויער איז דאָ אַ מין פרייד־אין־געטאַנץ.

אַ לויב אים, וואָס ער איז געקומען צום אויפגאַנג,
און האָט, ווי דער טאָג, זיך געוואָרט און געקלאָרט.
אַ לויב דער פרייד איצט,
אַ לויב וואָס גייט איצט
דער טרויער מיט שמחה געפּאָרט.

אַ ווונטש

האַרץ־שטומע וואַרטן מיר ציטריק זאָלסט קומען
פאַרגעבן מיט שמייכל, מיט ליבן.
ביז פאַרלירן פאַרשטאַנד מיר גלויבן און יובלען:
דער טרויער האָט אַ שפּאַס דאָ געטריבן!

מיט אויער צום האַרץ דיינם מיר וועלן געגעענען:
אָט איז דאָך זיין קלאַפּ־קלאַפּ פאַרבליבן!
אין שמייכל צום ווונדער מירן זיכער דערקענען:
אַז טרויער האָט אַ שפּאַס דאָ געטריבן.

באַלאַדע פון מאַמע־אויגן און וויגל אין שויב

אָונט. פרילינג אין פענצטער ציטערט אַ בלויער.
אויג זוכט די פרייד — האַרץ זעט בלויז טרויער.

און פאַן פון בלוי־ווייס־צעליכטיקטן טאָג
פאַר מאַמע־אויגן־אין־שויב פלאַטערט און זאָגט:

„צו דער פרייד, צו דער פרייד! פון אבלות אַרויס!
אויס אומעט, אויס צער — דער יומטוב איז גרויס!"

פאַרשטומען די אויגן, קערן־אַפּ פּונעם בלאָ,
אויף וויִעס הענגט ציטריק פאַריתומט די שעה.

צעפיבערט מיט אָונט, מיט פרילינג די שויב,
געהילט אין אַ ליכט־קראַנץ טוט אַ וויג זיך אַ הויב

און ס׳שטראַלט פון איר טרויער — אַ קינד זאָל דאָרט ליגן:
„אַמאָל מיך געוויגט — קום איצט מיך פאַרוויגן".

דעם גורל, ווייסט מאַמע, זי מוז צו זיך טוליען;
ווער פרייד האָט פאַרלוליעט — וועט טרויער פאַרלוליען.

און האָט זי דערקענט עס — ציט גיך זיך מיט ציטער
צום וויגל פון טרויער דער פוס פון דער מוטער — —

וויגט־וויגט זיך אין בלאָ־בלאָען אַלרוים פון שויב
דאָס וויגעלע טרויער אין שווינדל־געהויב — —

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

שוואַרצט אָונט זיך שוואַרצער און בלוי ציטערט בלויער,
שיינען מאַמע־אויגן אויף, סיי פון ליכט, סיי פון טרויער...

באַלאַדע פון סנה אין מדבר

יונגער צה״לניק מיט פאַן — נאָך אַ קינד,
טראָגט זיך אין מדבר מיט אימפּעט אין ווינט.

ליפּן פאַרשמאַכטע, די היץ אין געשטייג,
און ס׳ליד אין בלוט זינגט אים צו אין געשוויג:

„דער נעפּל געדיכט, ס׳גייט שלאַכט נישט צו ענד,
ווי נעמט מען דעם ווייטרוים אַרום מיט די הענט?״

ווייטרוים נישט-ווייטרוים — ס׳הענגט אַלץ אויף אַ האָר,
אין פעכט און געפּלעכט איז חלום מיט וואָר.

אין ווינטברען זיין ברוסט, פאַרוים גייט זיין בליק,
הײַדאַ! פון ווייטרוים נישטאָ קיין צוריק...

ליפּן פאַרשמאַכטע, די היץ אין געשטייג,
אין בלוט זינגט דאָס ליד אים צו אין געשוויג:

„פאַרכטיקער ווייטרוים, ביסט אכזר אין רוף,
ווי ליד איז אין בלוט, ווי קויל איז אין גוף...״

דאָס ליד און די קויל — ס׳הענגט אַלץ אויף אַ האָר,
אין צאַנק און אין באַנג איז חלום און וואָר.

זאַמד נעמט פאַרשיטן אין מדבר דעם וועג,
ווי דאָרן פאַרשניטן זינקט גוף אין געיעג.

ליפּן פאַרשמאַכטע, די היץ אין געשטייג,
און ס׳בלוט מיט געבעט נאָך זינגט אין געשווייג:

„טראָגט זאַמדן מיך, טראָגט. בלוט שוימט איצט זיין שוים.
רגעם איר לעצטע, פאַרטראָגט מיך אין רוים...״

רגע צי נצח — ס׳הענגט אַלץ אויף אַ האָר,
געשאַנק אין פאַרגאַנג איז חלום און וואָר.

פון איבער חמסין־און נעפּל־געדריי
אַנטפּלעקט זיך דער ווייטרוים בלאַנק ווי אַ שניי.

יונגער צה״לניק, פאַרוויגט ווי אַ קינד,
ליגט, און די פאָן זיינע פלאַטערט אין ווינט.

ליפּן פאַרשמאַכטע, צי שלאָפט ער? צי ניט?
אין גליווער זיין בלוט נאָך שפּינט אים אַ ליד:

„דער רוים אויף די הענט דיר, דו אינעם רוים,
רואיק באַרואיקט גייסט איבער אין טרוים...״

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

זיין בלוט אונטער אים שיינט־אויף פונעם זאַמד,
פון איבער אים טרויער — סנה אין געפלאַם.

דער טרויער און סנה — אַ פלאַקער געפּאָר,
פיבער און גליווער איז חלום און וואָר.

ירושלימס גרויסע שעה

אַזױפֿיל שוין געזונגען: ווײ.
לאַנג וועט טרער נישט פֿליסן
פֿון דיין אויג.
פֿאַר דיינע ליידן, ירושלים,
מיין קאָפּ איך בויג —

איך שטום אין מיין געשריי.

פיין איז שפּעדיק, ווי שניט,
לאַנג וועט נישט דיין קאָסע
שניידן צער.
איבער וואַלד פֿון אַלטע שטאַמען
נאָך הענגט געפֿאַר...

איך זע אַ רעגנבויגן בליט.

מלכות שיינט אַרויס פֿון טרויער.
לאַנג וועט אַש־זאַק נישט באַדעקן
דיינע האָר.
פֿאַמעלעך פֿאַרבן זיך די קליידער
אין פּורפּור...

גרויסע שעה קלאַפּט אין דיין מויער.

באַלאַדע פון כותל און באַרג

אורי צבי גרינבערג׳ן

ביים כותל און באַרג צוקט העליש אַ פלאַמרינג,
די שאָטנס פון פייער אַרום אים,
און ס׳גליט דער באַרג צעפיבערט און זינגט:
„עם קומען, די זין מיינע קומען."

פון פייער גייט אַ זעלנער אויף, אַ צווייטער און אַ דריטער.
די גאַנצע נאַכט אין שלאַכט געפיבערט, די גאַנצע נאַכט אין ציטער.

פון חורבות אַרום מיט צונגען צעגליטע
פאַרפירעריש פייער נעמט שיטן:
„שטילט-איין! האַלט-אָפּ! איר דורכפאַל געניטע,
איך וועל דעם כותל שוין היטן...״

דער ערשטער פאַרגאַפּט: „ווי לאָזט מען אין דרויסן,
אויף הפקר אין פייער, דעם באַרג און דעם כותל?״

„זעט-זעט, אויפן כותל — דער צווייטער נעמט שטאַמלען —
דער חלום, דער חלום, זעט, שטייט שוין אין פלאַמען!״

איילט-אונטער דער דריטער: „ביי אַלץ וואָס אונדז טייער!
קומט לאָמיר דעם חלום כאַטש לעשן פון פייער!״

— — — — — — — — — — — —

דער ערשטער צום כותל, נישט קלערט און — אַ שפּרונג.
צוקט שטאַרקער פון פלאַמען אַ צונג נאָך אַ צונג.

דער צווייטער — אַ שפּרונג. (ווי דער ערשטער ער ברענט)
דאָס פייער אָן רחמים דעם קרבן פאַרלענדט.

ווען דריטער זיין האַרץ געשפּרענגט האָט מיט צאָרן,
איז דאַן ערשט דער חלום געלאָשן געוואָרן...

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

ביים כותל אין באַרג שטילט-איין זיך דער פלאַמרינג,
וויסט בלאַנקעט בלוטיק דער חלום אַרום אים — —
און דער באַרג צעפיבערט גליט נאָך און זינגט:
„ס'וועלן קומען, די זין וועלן נאָך קומען...״

צו די פאַריתומטע עלטערן

קומט לאָמיר דעם שטראַליקן טרויער
אַנטקעגן גיין
זיין געזאַנג דערהערן:
ער גייט אַ שטראַליקער אַרום
שמועסט מיט דער זון
און זינגט זיך איבער
מיט די שטערן.

זיין ליכטיקן באַנעם
באַנעמען ווער וועט?

אַט שטרעקט זיך באַרג און טאָל
הייליק פאַר זיין שפּרייז,
דער ירדן און כינרת —
דעם לויטערסטן בלוי־ווייס.

דער ים וויגלט טיפיק
אים פון גאָלד אַ וויגל,
און דאָס ווינטעלע,
ווי שטיפיק,
שטרעקט אים אויס זיין פליגל.

און איבער אַלץ
מיט ווונד, מיט שטראַליקער,
ער ליכטיקט אומגעהויער;
וואַכט ביי גרעניצן אַרום
און היט אונדז אָפּ
פון שוואַרצן טרויער.

קומט גיין
דעם שטראַליקן טרויער אַנטקעגן.
אפשר וועלן מיר אַליין
זיך טרעפן אויף די וועגן...

באַנייאונג

לאָמיר פאַרשווייגן דעם טרויער,
דעם אומעט — זיין טרייען באַגלייטער:
זע, ווי ס׳בלויט דעם אָוונט אַלץ בלויער
דער פרילינג וואָס קומט אַ באַנייטער.

ווי מיר — חלומט ער שטענדיק פון לאַכן.
ווי אונדז — רינט־אוים אים די פרייד.
נאָר עמעץ היט אויף טויזנטער וואַכן
ער זאָל זיך באַנייען אין צייט.

צווימעט שוין ווידער פרילינג אויף צווייגן.
עפנט שוין ווייטער פרייד אונדז דעם טויער.
לאָמיר שווייגנדיק טיף זיך פאַרנייגן,
אין שווייגן פאַרשווייגן דעם טרויער.

תפילה צום טאָג

באַפֿריי זיך, טאָג, פֿון דער נאַכט־מרה־שחורה,
און אונדז — פֿון טיף־טיפֿן טרויער.
פֿון שחרית ביז מעריב לויערט די מורא,
טאָג, פֿאַר דיין גאָלדענעם טויער.

שטערן אַנטרינען, און טויען צערינען,
ווען ס'חשכות פֿאַרווישט דיינע שטראַלן;
אַזוי ווי פֿון וויכער די גראָזן, די גרינע,
צוזאַמענגעטוליעט מיר פֿאַלן.

ביים שלאָס פֿון דיין גאָלדענעם טויער ציטערט
די תפֿילה וואָס קניט אין איר האָפֿן —
אַז קומסט אָן געריטן, רופֿסט־אויס ווי אַ ריטער:
דער טויער, דער טויער איז אָפֿן!

דאָס חיות, די זאַפֿט פֿון דיין ווייס־בלויען טאָגן,
צו אונדזערע שויבן טו נייגן.
זע, מיר זענען אָרעם, זע, ווי דערשלאָגן —
און ווי הויך מיר מוזן נאָך שטייגן.

טויט פון טרויער

דער טרויער שרומפט־איין צווישן בלומען.
דער נעפל וואָס דריקט נעמט פּלאַצן.
דער פרילינג טראָגט־אונטער זיין קומען
אויף שימער קאָליריקע טאַצן.

מיט טויזנטער וועגן ער לויפט־אָן,
בלויז איינער ציט־אָפּ זיין פאַרגיי.
מיט דעם איינעם — געוויין קומט און הויפט־אָן,
ווי סטויגן, דעם טרויער און וויי.

שפּרייזט פרילינג אום הויך און הויכט־אָן
מיט צאַפּל, מיט בלי, מיט זיין קומען.
נעמט טרויער ווי שטיין אין אים טויכן,
און שטאַרבט־אָפּ צווישן די בלומען.

אחרית-טאָג

אַז ס'וועט זיך אויסוועפּן די טרער
וועלן מיר אַרומגיין און איבער אונדז דער רעגנבויגן.

וועלן די הייזער אונדזערע ביז איבערפול
מיט זון געפּראָפּט זיין,
ביז ס'וועלן די פענצטער נישט קאָנען איינהאַלטן
די פרייד פון די שויבן
וואָס בלענדט-צו
מיט שעמערירקער שיין
פון ליכטער פאַרבאָרגן — —
מיט פלימיקער רו.

דאָן —
וועלן מיר אויף שוועל פון פרימאָרגנס
מקבל זיין מיט געזאַנג
דעם גאָרטן-פאַרנייג וואָס זאָגט-צו:
ס'וועט אוגערקע אויפשפּראָצן שלאַנק,
אויך דאָס מייערל וועט באַצייטן
מבשׂר זיין דעם געלן אָנשיט
אין די גערטנער-בייטן — —

און דאָס וועט זיין אַזוי פאַרשטענדלעך דאָ און פּשוט
ווי ביי לייטן.

גאָלד
אין פּאַרגיי

[1940—1960]

דער ווינט לויפט־נאָך די בלעטער,
שטייט חלום אים אין וועג,
פרעגט:
וואָס אַזאַ געיעג
נאָך בלעטערפאַל און האַרבסט?

אומזיסט, אומזיסט דו וואַרטסט
אויף גרינעם שפּראָץ פון פרייד,
ער שפּילט פאַר זיך אַ מאַסקנבאַל:
ער איז געוואָרן טרויער,
ער איז געוואָרן ווינט,
ער איז געוואָרן טאַנץ
פון בלעטערפאַל.

האַרבסט־אַקאָרד

האַרבסטיקע זון אויף אַלעאַנדרישע קעפּ
שפּילט־אויס אַ בלומען־אַקאָרד —
ס׳איז דער שענסטער.

צווייגן,
וואָס שטייגן,
אויף בלומען,
ווי טרעפּ,
שטאַפּלען זיך
צאַפּלען זיך
צו צו מיין פענצטער.

אַרום אַלץ
און אַרום מיר
געבלאַנק.
און געגלימער.
נאָר ס׳שאַרט זיך אַן אומעט
אין מיר
און פון מיר,
באַהויכט דעם געשימער.

און פּלוצים —
צעפּאַלט זיך די זון אין אַ קלאַנג:
ס׳איז האַרבסט אין מיין צימער.

חמסין-פיבער

גליִען די ווענט אין פריהאַרבסטיקער רו,
די ווינקלען, די פיר, שטייען שטיל
און קוקן זיך צו
ווי איבער מיין קאָפּ
שיט זילבער-געפּלאַטער
די סטעלע צום דיל.

און אָט:
אַ געאייל,
אַ געווימל,
מיין קאָפּ אין מיט צימער,
די ווינקלען די פיר
אין דער אָפענער טיר,
דער חלל פון פענצטער
אין סטעלע־פאַרוויר
שווינד־שווינדל אין ראָד —
קאַראַהאָד.

און סע שמייסן די בלומען חמסיניקע היץ
שמיץ נאָך שמיץ.

אָ, ווינקלען שטילע פון מיין צימער
אין געפלעכט און אין צעטייל,
זילבער־פלאַטער־שיטנדיקע סטעלע
אין געפעכט און אין געדריי,
וועלט, אַרויסגעשפרונגענע פון ראַמען
אין צעשטעך און אין צעשייד,
וואָס איז דער באַדייט
פון געאייל
און פאַרוויר?
ווו פירט דער פאַרפיר?
צום האַרבסטיקן גאַנג וואָס דער גאַלאָפּ?
סטאָפּ!!!

שטיל.
כ׳פיל:
שוין גראָט אַן ערשטלינג —
אַ האָר אויף מיין קאָפּ.

געמיט

וואָס איז געווען נעכטן:
שפּעטער זומער? פריער האַרבסט?
עס האָט געקלונגען גלאָד אין רעגן
און זון אויף בלומען־קוסט.

וואָס איז געווען: לוסט?
צעריסן רו־געמיט,
וואָס פירט צום אויפגעמאַכטן טויער
אין קיניגרייך פון טרויער?

וואָס איז געווען נעכטן:
שפּעטער זומער? פריער האַרבסט?
רעגן האָט באַהאָנגען און געשיט
זונעלעך אין בלומען־קוסט.

דאָרט קלאַמערט זיך אין צאַפּלעניש:
אי אויפגעריסן רו־געמיט —
אי לוסט.

גילדענע עפּאָלעטן

דער האַרבסט פאַרשאַוועט אַלעמאָל
די קלאָרע פאַרבן פונעם זומער.

אין גערטנער שאַרט זיך איצט
דער בלומען-קומער.

מענטשן גייען שטיל, עניוותדיק,
מיט שאָטנס אויסגעוואַקסן,
מיט טריבע בליקן, ווי פּאָעטן,
און פילן נישט:
אויף זייערע אַקסלען
שפּינט די זון און שפּילעט
גילדענע עפּאָלעטן.

האַרבסט־זון

ליכט אויף אַלע שויבן,
אויף רעגן־רער די זון.
נאָר די טויבן,
די טורטלטויבן
ווייסן נישט דערפון.

איך עפן־אויף דאָס פענצטער,
פליט טורטלטויב פאַרביי
און לאָזט מיר אַ מתנה
שאָטן־פליגל צוויי.

כאַפּ איך זיך אַנטוישט;
זיי האָבן גאָר פאַרווישט
אַ האַרבסט־זון און פאַרטויכט
אין גלאַנץ־פאַרניר פון טיש.

ווידערשפּעניק

עס קריינט דער טאָג אין גאָלד
מיין פענצטער און מיין טיש.
און אַלץ פאַרהילט אין ליכט,
אין פרייד,
ווערט אונטערטעניק,
שטיל,
ווי גראָז.

נאָר מיין קאָפּ
מיין יונגער קאָפּ,
ער ווידערשפּעניקט —
מיט אַ הערעלע
אַ גראָס.

האַרבסט אין מינאָר

האַרבסט גייט־דורך די גערטנער הויך און קלינגט,
דער האַרבסט מיט זיינע רויט־פּיאָלעטע קרוינען.

דער ים גיסט קילע בלאָקייט אויף אויסגעשלייפטן ברעג,
ער שלינגט דאָס גאָלד פון זאַמד־פּאָלירטע שפּיגלען.

דער הימל ענגט — אַ בלויער וווּנדער, ווי אַ חידוש,
דער הימל פון מיין אויסגעבלויטן בליק.

די גאַסן פאַרבן מילד אַ ליכט־און שאָטן־שפּיל,
די גאַסן מיט מיין מאָלעריש געמיט באַלאָדן.

נאָר שויבן־הויך, אַ קוים־געאָנטער, וואָרנט אינפאָרויס,
אַז פון מדבר הינטער בערג אַפיר
וועט חמסין אַ לעצטן ברי טאָן אין דער לופט,
דער רעגן זאָל אַ פּאַטש־טאָן איבער דעכער.

וועט האַרבסט די רויט־פּיאָלעטע קרוינען אים דערלאַנגען.

דער ים — דאָס גאָלד, ס׳פאַרשלונגענע, אים שפּרייטן.

דער הימל — ס׳בלויע וווּנדער דורך מיין בליק אים שענקען.

די גאַס — מיט מאָלער־שטימונג מיינער אים פאַרקנסן.

די שויב — לאָזן רינען אים דורך הויך צעשמאָלצענעם אין פּאַסן.

און די רינווע פון מיין וואַנט וועט גאַנצע נעכט פאַרטייטשן
די דונערן, און די צעקייכטע בליצן־בייטשן.

פאַרנאַרט

עמיץ שפּרייזט איצט הויך און קלינגט
איבער בלי און בלומען,

דאַרף אַ פרייד אַדורך: „ער זינגט!"
מיינען שטילע בלומען.

סיי דער פּערפל, סיי דאָס גאָלד —
בלוט-געזייג פון בלומען —

גלעט זיי מילד און צאַרט, ווי ס'וואָלט
איינוויגן די בלומען.

אַז ער פאַרצערט — שאַ-און-שטיל —
ווייסן נישט די בלומען,

זינג איך הויך פון האַרבסט און וויל
וואָרענען די בלומען.

ביז איך כאַפּ זיך: כ'בין פאַרנאַרט
גלייך ווי אָט די בלומען,

ביי די שלייפן מיינע שאַרט
האַרבסט זיך, ווי אויף בלומען.

גאָלד אין פאַרגיי

גערוישט האָט אַ זומער מיט צווייט, ווי מיט שניי,
איצט —
גאָלד אין פאַרגיי.

איך קוק אַרומזיך ווי אינזיך — איך פאַרשטיי,
ס'איז —
גאָלד אין פאַרגיי.

באַנעמסטו דעם צער דעם שטילן, דעם וויי
פון —
גאָלד אין פאַרגיי?

געווים. ווייל טאָג נאָך טאָג באַגלייטן איך גיי
ס'גאָלד —
מיין גאָלד אין פאַרגיי.

לידער
פון דער
ווייסער
שטילקייט

[1950]

אין דער ווייסער שטילקייט
פון שפּיטאָל
הער איך שוואַרץ געפּלאַטער שאָבן,
ווי ראָבן
אין אַ מתים־טאָל.

טעג

זוי הענגען איבער מיר,
ווי שאַרף פון חלפים
אויף האַלדז:
אַ שניט! — און ס'נעמט פליסן דאָס בלוט.
אַ שניט! — און ס'איז געענדיקט
שוין אַלץ...

אַ שניט — און דאָס האַרץ אויסגעריסן,
אַ שניט — און דער דופק
בלייבט שטיין.
אַ שניט — און ס'בלייבן בלויז איבער
די טעג, ווי חלפים,
אַליין...

ווי קאָן איך

פאַרטאָג מיט זונענאויפגאַנג
שפּרינגט דאָס לעבן דורכן פענצטער
אַריין דאָ אין שפּיטאָל;
צעהענגט זיך אויף די ווענט,
שטעלט צופוסנס זיך ביים בעטל —
ווי אַ מיידעלע — קאָקעטל,
צעעפנט עס די הענט —
ווינקט צו מיר:
כ'בין שיין.

(גיי אַנטציק זיך נישט מיט דעם)
און אין די אויגן מיינע
נעכטיקט אַלץ די נאַכט,
ווייל הינטער דעם לעבן
האָט זיך דער טויט פאַרזעצט;
ער וואַרט בלויז אויף אַ צייכן,
ער וואַרט בלויז אויף אַן אות,
אַ וואַרף זיך טאָן מיט שוואַרצער מאַכט,
פאַרפירן ס׳מיידל — ווי מיין פאַרגליייך זאָגט —
אין לאַנד פון נאַכט.

זאָל איך פאַר דעם פענצטער אפשר
רויטע אותיות צעהענגען?:
סכנה, לעבן, אַהער צו גיין!
אַז ס׳ווינקט צו מיר מיידליש־חנעוודיק:
זע, ווי איך בין שיין...

רחמנות

דער טויט האָט היינט אַרומגעשלייכט
אין שפּיטאָל דאָ ביי דער טיר,
ווי אַ בלינדער זוכט די קלאַמקע
אַריינצושטעקן אַ בעטלער־פּנים —
אַ נדבה — לעבן,
זאָל מען אים דאָ געבן.

דעם טויט, ווייזט־אויס,
איז אויך שוין שווער אַרומצוגיין
אָן אַ ביסל פרייד
אין האַרץ.

גיי העלף אים!
ווען אַזאַ איינער שטייט
שוין דאָ דערנעבן,
פאַראָבלט און פאַרשוואַרצט
ווי נאָר אַ שטיקל לעבן...

נעכט

זיי זענען — תליות צעווינטע,
צו גילאָטינעס —
די טרעפּ:
טעג וויגן אויף זיי זיך צעפּליקטע
און לייגן צעבלוטיקט
די קעפּ...

אַ וויג! — אַ נאַכט מיט זיין שאָטן.
אַ וויג! — און אַ טאָג
זיך פאַרברעכט...
אַ וויג — און ס'שטייגן אויף תליות
אַליין די נעכט,
מיינע נעכט...

מיטנאַכט אין שפּיטאָל

מיטנאַכט, מיטנאַכט.
הענט שטרעקן זיך פאַרפיבערט
ווי האַרבסטיקע צווייגן
אין געלעכץ נאָך זון,
נאָך בלוי,
נאָך גרינעם געשפּראָץ.

און אויגן —
זיי קאָנען דעם טויט נישט פאַרגעבן —
חלשן אין די וויִעס
וואָס טראָגן אין זיך
די נישט־דערהערטע־תפילה —
לעבן.

מיטנאַכט, מיטנאַכט.
וויינט אַ שטערן צווישן וואָלקנס,
ברענט אין אים דער טרויער:
ער איז יתומדיק.
ענטפערט אים אַ שטיין אַ נאַקעטער:
אויך איך בין איינזאַם...

מיטנאַכט, מיטנאַכט.
שרייט יאושפול אַ סאָווע
אין דער נאַכט אַריין:
מיטנאַכט! מיטנאַכט!

כאַפּט דער חלל אויף דעם טרויער
און שליידערט אים
אין שפּיטאָל אַריין —
וויינט דער שטערן,
ענטפערט אים דער שטיין,
קוויטשעט־אוים די סאָווע
באַזאַמען מיטן קראַנקן:
מיטנאַכט! מיטנאַכט!

ענטפערט־אָפּ די נאַכט:
מיטנאַכט! מיטנאַכט!

חושך־לאַנד

ווען נאַכט קומט־אָן פון חושך־לאַנד
לעשט זיך אוים די שויב.
בענקט דאָס פענצטער נאָך די שטערן,
וואָס פלעגן פלאַטערן אין אים
ווי שטאָטעם ווייסע מעוועס
אויפן ים.

די לבנה פאַרקרומט איר פנים —
זי שפילט אַ ברוגז מיט מיין בעט —
און דער שיקמה־בוים טראָגט אויך תרעומת
פול אין בוזעם
אויפן שוואַרצן לאָמפּ.

און איך —
אויף וועמען זאָל איך ברוגז זיין?
אַז אַ גאַנצע נאַכט
וויינען פינצטער איבער מיט די ווענט —
אָט נעמען זיי צוזאַמענפאַלן.
און טרויעריק אונטערן פענצטער
ציטערן די בלומען ביי דער וואַנט,
און אַלעמען אַרום איז שוין פאַרטרויט דער סוד,
אַז דאָ אין שכנות ליגט די גרעניץ
פונעם חושך־לאַנד.

שעהן

זיי זענען — צוואַנגען,
אייזערנע קליעשטשעס
צעבריטע:
זיי ציִען די נערוון און ציִען,
ווי שטאָלענע דראָטן
צעגליטע.

אַ צי! — אויסגעצויגן נאָך שטאַרקער.
אַ צי! — און עס פּלאַצט
אויף צוריק.
אַ צי — און ס'רייסן זיך איבער
די שעהן אַליין,
ווי די שטריק...

אַ באַגער

אַז ס'פאַלט אויף מיר ווייטאָג,
ווי קייטן אויף פיס,
ווי אַ שטריק אַרום האַלדז
ווערט מיר ענגער און ענגער,
וואָס וואָלט איך געוואָלט?

אַ לעמעלע וואָלט איך געוואָלט,
זאָל איך ווערן,
(עס ווייסט נישט און פילט נישט
דעם פענט אויף די פיס),
וואָס שטיפט און היפּקעט
זומער אויף לאָנקעס,
שלינגט דעם בלוי מיט לאַמישע אויגן,
לעקט אַ טראָפּן-טוי מיט דורשטיקער צונג
און ווערט פריי
און ווערט הייטער.

און קומט דער פֿאַרנאַכט און טוט דעם טרויער
פֿאַרוואַרפֿן אויף בוים,
אויף גראָז,
אויף זאַנג,
וואָלט איך וועלן, ווי דאָס לעמעלע,
שטיל און תּמימותדיק
אויפֿנעמען
דעם אונטערגאַנג.

בלוט-טראַנספֿוזיע

נישט קיין שאַרף פֿון פֿאַרפֿום — נאָר עטער־נאַרקאָזע,
האָט פֿאַרטיפֿט אַ שיכּרות אין מיר אַ געל־ראָזע.

האָב איך ווייאיק דער שיכּרות מיין גוף אָנגעטרויט
און אַליין זיך געלייגט אויף דער גרעניץ פֿון טויט.

און האָב איך דערוואַכט אין פּעניצילינען־געוועב,
האָט אין מיר ווער פֿאַרהוילן באַפֿוילן מיר: לעב.

איך ליג אונטער מעסער־שניט,
און פֿיל האַלב־אין־שלאָף:
עס וואַנדערט ווי־אַוועק
דאָס בלוט פֿון מיין גוף.

אין נעפּלדיקן אַנען —
אין פֿאַרגיי,
אין פֿאַרשווינד —
טראָגן קעמערלעך,
געפֿעסן,
אָדער־געררוף
(ווי אויף ווינט)
אין פֿאַרפּלאָנטער,
פֿאַרוויי —
תּפֿילהדיק,

ווי וויי:
בלוט, אומזוער בלוט,
נישט פאַרלאָז אונדז אַצינד!

און פּלוצים —
פאַלט אַנען אין אַנמאַכט,
ווי אין רו פון נישט הי,
ווי פייגלישע פליגל, געשאָסן אין פלי —
און ס׳ווערט אַ געיעג:
דעם בלוט וואָס אַנטרינט
יאָגט נאָך אַ צווייטס,
וואָס רינט
טיף אינדערטיף —
פון נישט-געאַנטן-ווּו
צו אַלע קעמערלעך צו:
טריף,
טריף.

און עמיץ פאַרהוילן
מישט און צעפירט —
ביז בלוט מיט בלוט
זיך טרעפט און באַרירט.

און אין יעדן באַריר צו איינקייט,
ווי דער חידוש אַליין:
— מענטש, אין גרעסטער קליינקייט,
פאַרמאָסטן צו זיין
אַ שני לגאָט — —
שלאָף,
שלאָף,
ששש-לאָף.

איצט וועבט זיך דער גרויסער ווּנדער-סוד
פון איין קעמערל,
פון איין אַטאָמיש קערפּערל
אין גוף.

מינוטן

זיי זענען — ראָבן
מיט שאַרפע נעגל
און בליקן:
פליען־אָן מיט פינצטערן פלאַטער
גרייט מיט שנאָבלען
צו פיקן...

אַ פּיק! — און ס'לעבערט דעם מוח,
אַ פּיק! — און איך קריץ
מיט די ציין...
אַ פּיק — און ס'איז אויס מיטן קרבן —
פאַרצוקן זיי זיך
שוין אַליין...

פאַרן פיבער

ווען היץ נעמט ווייסע שטילקייט פירן
דעם לעבן־סוד דערקלערן,
טוט אַלץ זיך טוישן און פאַרלירן
אין די פיבער־ספערן.

און קוים דו אַנסט די היץ־ספער איבער,
ווערסטו אַליין — אַ וועלט־אין־פיבער.

נאַכט. מיד פאַלט די קראַנקן־שוועסטער
ביים טעלעפאָן אַנידער.
צווישן ווייסע קראַנקן־בעטלעך
לויערט פיבער.

די עלעקטרע־לעמפּלעך האָבן אויסגעשיט
דאָס ליכט, ווי אַלעמאָל.
די נאַכט קוקט דורך דער שויב און זעט,
ווי טויט קריכט אין שפּיטאָל.

די קראַנקן־שוועסטער ווייסט דערפון,
די נאַכט האָט איר פאַרטרויט:
צווישן ווייסע קראַנקן־בעטלעך
וווינט דער טויט.

דער בוים אינדרויסן לאָזט די פייגל
אין זיין קרוין נישט זינגען,
פינצטערט טיף אריין אין פענצטער:
ווער וועט טויט באַצווינגען?

דער קראַנקער ליגט און זעט: דער שויב
גיט נאַכט אַ שוואַרצן צייכן,
פלייצט פון איר אַרויס דער עלנט
אויף דאָ אים צו דערגרייכן.

ווערט ער לופטיק, שוועבט צווישן
הימל, ערד און גריבער — —
ווי די היץ אין טערמאָמעטער
שטייגט אין אים דער פיבער.

אין פיבער

דער קראַנקן־בוים פונדרויסן דרעמלט
ביים טעלעפאָן אַ מידער.
אַרום ווייטיקדיקן קראַנקן־עלנט
לויפט אויף־און אָפּ דער פיבער.

ס'ליכט האָט זיך מיט לעמפּ פאַרוואָרגן,
שפּילט נישט מער זיין ראָל,
דורך שויבן־רוים קוקט־צו דער טויט
ווי נאַכט קרענקט אין שפּיטאָל.

דער קראַנקן־בוים, ער ווייסט דערפון,
די שויב האָט אים פאַרטרויט:
ביים קראַנקן־בעט דער נאַכט צוקאָפּנס
וואַכט דער טויט.

די שוועסטער שטייט — אַ בוים אינדרויסן,
פאַרווערט די פייגל זינגען.
איר צווייגן־צאָפּ טיפּט טיף אין פענצטער
ווער וועט טויט באַצווינגען?

די נאַכט ליגט אויפֿן בעט און זעט:
די שויב טוט שוואַרץ אים צייכנען,
הייבט זיך אויף צו איר דער עלנט —
דאַרט זי צו דערגרייכן.

ווערט זי לופטיק, שוועבט צווישן
הימל, ערד און גריבער — —
ווי די היץ אין טערמאָמעטער
שטייגט אין שויב דער פֿיבער.

נאָכן פֿיבער

די קראַנקן־שוועסטער מילד און ליבלעך
שפּאַנט די שוועל אַריבער.
צווישן ווייסע קראַנקן־בעטלעך
צערינט דער פֿיבער.

אַ פֿריִער זונשטראַל צינדט איצט אָן
די לעמפּ, ווי אַלעמאָל.
דער טאָג ווי מילד דורך בלויער שויב
שפּאַרט זיך אין שפּיטאָל.

די קראַנקן־שוועסטער ווייסט דערפֿון,
דעם צייכן טאָג טוט געבן:
צו די ווייסע קראַנקן־בעטלעך
קערט זיך אום דאָס לעבן.

דער בוים אינדרויסן הייסט די פֿייגל
זיך אין כאָר צעזינגען.
זיין גרינע קרוין זעט דורכן פֿענצטער
ווי ס׳ווערט דער טויט באַצווינגען.

דער קראַנקער ליגט און זעט אין שויב
ווי בלוי די מילדקייט צייכנט,
ווי עלנט פֿאַלט און טיף פֿאַרזינקט, —
זי וועט אים נישט דערגרייכן.

ווערט אים הייטער, גוט און פֿרייער,
אַלץ וואָס פֿיינלעך — ליבער.
ווי די היץ אין טערמאָמעטער
פֿאַלט אין אים דער פֿיבער.

חצות אין שפּיטאָל

אין געלעסטערטן גוף אָן מאָס
פון בראַנד און יסורים־שׂנאה,
גייט־אויף דער מאָרפיום חצות
צעפּרעפּלט, ווי אַ תחינה.

א.

זי שיפּעט נאָך, די ווייסע שטילקייט,
גלייך מיט יעדן צאַנק,
וואָס פאַלט
שפּעט־אָוונטיק מיט מילדקייט
פון לעצטן שטראַל
אין ווייס־געגרייטן בעטלעך־זאַל.

שיפּעט זי און ס׳דוכט זיך —
ניין. ס׳איז קלאָר:
זי לעשט אַריין זיך אין דער נאַכט
מיט טאָגעדיקער וואָר.

נאָר ווען־נישט־ווען דערוואַכט
ווייס־וואָריק לעכצן
פון ווייעדיקן דרעמל,
אין גאָרן צו אַן איינשטאָך־נאָדל
ביי אַ לעמפּל־פּלעמל,
מיט תּפילהדיקן קרעכצן.

שיפּט זיך פיבערדיק די שטילקייט
אויף תּהומעדיקע ווייען,
ווי פאַרטונקלט ווייס אַ זעגל.

שלייכט זי אום, די ווייסע שטילקייט,
צווישן בעטלדיקע רייען,
פיבערדיק, אויף שוואַרצע נעגל.

און פאַלט זי אינעם ווייאיקן געלעסטער,
באַווייזט זיך איר שליח — די שוועסטער.

ב.

שוועסטער !
שפּרייזט זי שטיל און סליחות-ווייס
פון בעט צו בעט.

שוועסטער !
ברעכט-אויף אַ ליכטיקן פּאַס איר שפּרייז
פון בעט צו בעט.

שוועסטער !
שליסט זי ווידער פינצטערניש אין קרייז
פון בעט צו בעט.

ג.

שוועסטער !
שליח-ציבור, גרייט צום רוף
אין האַלבער נאַכט.

שוועסטער —
פון אירע אויגן טרייבט זי שלאָף
אין האַלבער נאַכט.

שוועסטער ! ! !

ד.

פלעמלען שאָטנס אין נאַכטיקן אומעט
פון די ווענט צום בעט אַראָפּ,
ווען איבער מענטשן־גוף — דעם „עמוד",
זי בייגט אין שטילער פאָרכט איר קאָפּ.

נעמט דער שאָטן־פלאַם אויף וואַנט
שעפּטשען שטיל „הנשמה לך"
און דער גוף אין פיבער־בראַנד
מורמלט „והגוף פעלך",
בעט די מאָרפיום־נאָדל אין איר האַנט:
„חוסה, חוסה על עמלך".

רינט אַ תפילה, רינט גאָר פרומיק
דורכן נאָדל־שפּיץ מאָרפיומיק
ביי אַ יעדן שטאָך און שטאָך.

גייט די מאָרפיום־תפילה אום
צעדאַוונט, שוועסטער־הענטיק־פרום
אינעם גוף, ווי אין אַ היכל,
לייגט אויף אברים די רו,
ווי אויף ליפּן — ליב אַ שמייכל.

און די בליקן מילדיק־ווייכע,
נאָכן וויאיק גוף־געלעסטער,
זעען ווייסע שטילקייט אויפגיין
אויף די הענט פאַרטאָגיק־בלייכע
פון דער מידער קראַנקן־שוועסטער.

אין שטילן גלי

[1949—1960]

דאָס פּשוטע וואָרט דעם ניגון פֿאַרציט.
מיין לאַנד! דער שטילער גלי
גאַפּט־אויס אַ פֿרייד־ליד
דיין בלי.

די ווייסע ווייט, דער באַרג און דער ים
שטייען פֿאַרהאָרכט אין בלויען געמיט; —
דער ניגון וואָס ציט,
דאָס בלויע געמיט,
ד'ער בלי
און דער גלי —
מיין ליד.

אויפֿן כּרמל

אויף שטיינִיקייט דיינער גיי איך און קלעטער,
כּרמל, מיין באַרג פֿון געטאָפּלטן וווּנדער.
דאָ פֿיל איך קיין גרעניץ פֿון פֿריער און שפּעטער,
געהייך פֿון פֿאַרהויבענעם גרויסן באַוווּנדער.

פֿעלדזן איר האַרטע, געשפּיצטע, און געשפּאָלטן —
פֿאַרהילטע מיט אייביקן גרינעם באַדעק
שלאָפֿט איר דאָ טויזנטער יאָרן, ווי ס׳וואָלטן
קיין שטורעמס, קיין היצן אייך קיינמאָל געוועקט.

פֿאַרגאַפֿטע, איר חלומט אַריין אין די דורות
וואָרהאַפֿטיקע טרוימען פֿון אייביקע טעג...
מעג בייטן די וועלט אירע וועגן און תּורות,
איר טרעט נישט אָפּ פֿון אור-אייגענעם וועג...

תּקופֿות באַהאַלטן אין אייערע שפּאַלטן,
און יאָרן וואָס קומען — קוקן אַרויס.
אַליין פּונעם נצח באַוואַכט און דערהאַלטן —
צי זייט איר געטראָגן, צי זייט איר די שוים?

און איך — פֿון צייט אַ ווינציקער שפּליטער,
וואָס בין איך אַנטקעגן דער פֿעלדזיקער וואָר?
אַ טוי אויף אַ גרעזל, אַ שטרוי אין געוויטער,
אַ קלאַנג וואָס פֿאַרשוועבט אין פֿאַרהילכט אָן אַ שפּור.

דאָך פֿיל איך: ס׳האָט נצח געצייכנט מיין גיין דאָ,
מיט אייביקן גאַנג דאָ בין איך באַגלייט —
כ׳הער טריט פּונעם נביא — איך בין נישט אַליין דאָ —
זיי מישן זיך אויס מיט די טריט פֿון מיין צייט.

פֿאַרשלינגט-זשע מיך אין זיך, פֿאַרזעצט ווי אַ זאָמען
דעם ווידערקול מיינעם, — פֿאַרזייט אין פֿאַרגייט,
עס זאָל, ווי דעם נביאס, מיט דורות וואָס קומען,
מיין טראָט דאָ זיך הערן און מיטגיין מיט זיי.

פאַלשער מזמור

זינגט נישט פון די שטיינבעקפעלדזן,
זייער חלום איז אַ ריינער —
פליטן פאַלש קאָן דאָ נישט קיינער,
דאָ צופוסנס פעלדזבעקשטיינער
ווו סע ליכטיקט גרוים דאָס העלזען.

העלזען איז נישט וואָרט געשפּילן,
לײדיק סווישטשעדיק ווי נים — און
יעדעס וואָרט דאָ, זאָלסטו וויסן,
אויפגיין דאַרף עס מיט געוויסן,
וועט דער אמת עס דערפילן.

יעדער רמז טראָגט דעם אמת
וואָס פאַרטראָגט נישט פאַלשע ווערטן —
ווי עס זאָל דאָס וואָרט נישט צערטלען,
פאַלשן ניגון, זעט, דערהערט מען
אין פאַרטראַכטע נישטיק-טעמעס.

פעלדזן האָבן ליב דעם אָדלער,
שאַרפע לופט, ווי וויין פון שענקען,
צו די חלום-שטערן בענקען
און דאָס עכטע פאַרגעדענקען,
נישט דעם פלוידער גראַם-געפלאָדער.

זינגט נישט פון די שטיינבעקפעלדזן,
דאָ גייט שטילקייט אין געוועטן —
זייער שוויגן, זעט, טוט גלעטן
מער פון אייער צויבער-פליטן.

דאָ גייט-אָן בלויז גרויסער העלזען.

לאָמיר גיין...

לאָמיר גיין.
נישט פרעג: נאָך וואָס?
דער טאָג בלייבט ווייטער טאָג,
און טויען — ווי שטענדיק —
וואַרפן־איבער רעגנבויגנס
פון גראָז צו גראָז.

זע,
ווי שיין ווערט אונדזער
גאַנג:
מיט וואַקסנדיקן גאָלד
ציִען פעלדער זיך
פון יעדן זייטיקן שטעגל,
און מיט ניי געצוויטשער
און געזאַנג
פליִען פאַרביי אונדז
די פייגל.

לאָמיר דעם באַרג, וואָס צויבערט,
דיין געלעכטער אַ מתנה ברענגען —
וועט ער אָפּהילכן צעשטיינערט
און ווי גלעקעלעך
אויף יעדן פעלזל־שפּיץ צעהענגען.

קום!
נישט פרעג: נאָך וואָס?
דער טאָג וועט בלייבן ווייטער טאָג,
און טויען —
וואַרפן איבער רעגנבויגנס
פון גראָז צו גראָז.

דער כרמל שלאָפֿט איין

דער כרמל האָט פֿאַרנייגט זיך
פֿאַרן גרינעם ים,
— אויף אים די שאָטנס זיינע אויסצושפּרייטן
עס האָט דער ערשטער מידער שטערן שוין
געלייגט זיך שלאָפֿן אין די כוואַליע־בייטן.

נעמט דער באַרג אים זינגען שטיל
אַן איילו־לולו־ליד,
און וויגלט מיטן פּוס די וואַסער־וויג.
— די לבנה גייט אים נעגל־שטיל פֿון קאַרק אַראָפּ
צוקאָפּנס פֿונעם שטערן־קינד אַ ווייסע ציג.

שפּרינגען שטערן איינס־נאָך־איינס
אַראָפּ אין וואַסער־וויג,
זעט דער ים אַליין שוין אויס — אַ ווייטער הימל.
און זינגענדיק זיין איילו־לולו־ליד
ער לאָזט אַרוים די וויג — פֿאַרגייט אַליין אין דרימל.

ווינטער אויפן כרמל

אויף געקרייזלטע ביימער־קעפּ
שטיפן פינגער־שטראַלן
פון וואַרמער ווינטער־זון.

קליינע ווייסע בלימלעך
מיט אייגעלעך, מיט געלע,
הייבן צאַרט די קעפּלעך אויף
ביי מיינע פיס,
און רופן שטאָלץ און מאַיעסטעטיש אויס:
איך בין נאַרצים!

וואַך איך אויף ווי פון אַ דרימל.
און גוט מיר איינצוזאַפּן
גרינע,
געלע,
גאָלדענע קאָלירן
אין שוואַרץ פון מיינע אויגן,
געוואַשענע מיט בלוי,
מיט ים,
מיט הימל.

גרינער ווינטער פון מיין לאַנד!
דו ביסט געזאַנג
אויף יעדן צווייגעלע און בלאַט,
און זינגסט אַריין
אין אַלע מיינע גלידער.

פאַרדרענגסטו מיר דעם טרויער פון די לידער.
ווער איך און דו — איין קלאַנג.
גייט איןביידע איצטער אויף —
אַ פרילינג אין געזאַנג.

אַ דאַנק

אייך איך פֿאַרדאַנק, אָלעאַנדרעס צעבליטע,
ראָזעווע קעפּלעך מיט בלימלעך צעעפֿנט, —
מיין ליבע צום שאָטן, וואָס האָט זיך פֿאַרברידערט
מיט אייערע צווייגן, מיט בלומען פֿאַרפּלאָנטערט, —

און ס׳בלוט מיינס — אין פֿאַרבן־געברויז.

אייך איך פֿאַרדאַנק, הימלען, געוועלבט אויף מיין הויז,
ווי דער ים אין הייכן צעכוואַליעט, —
מיין ליבע צום פֿענצטער, וואָס האָט דאָ לאַזוריש
מיין צימער מיט העלקייט צעטובלט, —

און דאָס שוואַרץ פֿון מיין אויג — אין זיין גלאַנץ.

אייך איך פֿאַרדאַנק, גרויסע טעג אין געטאַנץ,
צעוואָלגערט, צעקייקלט, מיט זון אין געקייך,
מיין ליבע צום ליכט וואָס האָט זיך געשטעלט
אונטער מיין וואַנט, ווי אַ שומר פֿאַר נעכט, —

און די פֿרייד וואָס רייסט זיך דורך צערן.

אייך איך פֿאַרדאַנק, וויסטע מדבר־געפּאַרן,
עקרהקע פֿלאַך, פֿאַרשלאָסענע טראַכט,
מיין ליבע, מיין גרויסע, צום שטראָם פֿונעם וואַסער
וואָס ריזלט אין בייטן פֿון גאָרטן און קילט —

און צום קראַנען־געפּליסטער ביינאַכט.

דער טויט פון היביסקוס-בלום

אין פענצטער מיינעם זעצט זיך רויט די זון,
פאַרגאַפן פאַרביק זיך די בלעטער.
בונטע בלומען גליִען אויס אין דעמער
דעם פרילינג-פאַרנאַכט פון מיין לאַנד.

היט זיך, שטרעק נישט אויס דיין האַנט,
העליש ברענט איצט דאָ אַ בלומען-פייער.
זע: אָט פלאַצט די שויב און אין דעם בלויז
הויכט אַריין חמסינען-גלי זיין רויט.

און ס׳גייט אַ טויט, ווי מאָדנע ס׳גייט אַ טויט,
אויף פייער-רויטער היביסקוס-בלום —
קנאָספּיקט אויס אין פרי, בליט דורך דעם טאָג
אין איר פאַרנאַכטיקן טויט אַריין.

אָט שרומפּט ער זיך, דער בעכער, שרומפּט זיך איין,
פאַלט אין אָנמאַכט, זיך מיט בלי פאַרצערן.
לעשט זיך פאַרבגלי טיף אין בלאָ, און די שויב
הייבט אויף מיט זיך צוויי ווייסע שטערן.

וואָרנונג

די טויען צילען זיך באַזאַכט,
אויף די גראָזן פּערלט פּערל.
און אַ טוי־טראָפּ אויף אַ הערל
הענגט און פינקלט מיט אַ שטערן
אין דער נאַכט.

האַלט זיך טוי אין גלייכער וואָג!
באַלד קומט־אָן אַ רויטער שטראַל,
שפּיזט דיך אָן ווי אַ קאָראַל
און דו פאַלסט אַ שטערן־פאַל
אויפן טאָג.

קאַטאַסטראָפע

אַ גאַנצע נאַכט שפּאַצירט דער שטערן
אינעם קאָסמאָס פונעם טוי;
שווימט אַרום אין טייכן גראָזן,
אין געוועט-געלייף מיט האָזן,
וועקט מיט שפּיצלעך דרימלער-בערן
און אין בינשטאָק — רויש פון ראָי.

ביז ער פאַלט אין נעץ פון טוי
אויף אַ רויטן שטראַל — אַ מינע.
פּלאַצט דער קאָסמאָס און דער שטערן
אין מהומה פון נישט-ווערן
פלאַקערט-אויף — אַ סטענגע שטרוי,
און ער פלאַמט אַראָפּ פון זינען.

דעמערונג־שאָלן

פאַרכישופטע פאַרנאַכטן אין דעמערונג־שאָלן
זינקען אין נאַכט אַריין טיף און פאַרפאַלן.

צעפּלעמלען זיך שטערן — נר־תמיד דער טויטקייט —
צוקאָפּנס פאַרצאַנקטער שאַרלעכער רויטקייט.

זיי אָבלען אין שוואַרצע לייכטער פון נאַכט;
טריף — נישט געאַנט, טריף־טריף — נישט געדאַכט,
פּאַמעלעך ווי חלב־ליכט קאַפּען זיי אויס.

ווען ס'פּיקט זיך דער מאָרגן און שווימט קוים אַרויס —
פון טיף נישט־געאַנטער טויכט־אויף און ווערט רויטער
דאָס רויט־אין־צעפּלאַקער, וואָס גייט און ווערט לויטער.

ווערט נעכטיקער פאַרנאַכט — ערשט נעכטן פאַרלוירן —
אין ווידערגעבורט נײמאָרגיק געבוירן.

פאַרוויקלט אים רוים אין בלויע וואָלן
וואָס ווערן העט־שפּעט זיינע דעמערונג־שאָלן.

דער פֿאַרנאַכט חלומט

דער פֿאַרנאַכט שיכורט רויטן ווייַן,
וואָס גיסט זיך פֿונעם ראַנד אין מערב.
לבֿנה קומט פֿון מזרח אָן
און איז די נאַכט מקרבֿ.

היִלט די נאַכט דעם פֿאַרנאַכט איין,
לעשט אים אויס דעם ראָזן שוים —
זינקט ער, זינקט — — — ביז ער ווערט אויס...
חלומט זיך אים אַ טרוים:

פֿון טיפֿער פֿינצטערניש גייט־אויף
צעפּיבערטע און רויטע זריחות,
וויל ער באַנעמען דעם באַדייט
פֿון זייער ליכטיקער שליחות...

באַנעמט ער נישט און דאָך ער פֿילט
אין יעדן אויפֿגאַנג עפּעס הייטערט.
פֿרעפֿלט ער ניכטער שוין און שיכור נאָך:
גוט מיט זריחה ווערן אויסגעלייטערט...

אין פעלד

אַזוי־אַ שטענדיק באָדן זיך אין ליכט
ווי אין בלאָען וואַסער פון ים! —
זיין מיט רוימען איינס געוואַקסן.
פילן כוואַליעדיק פעלד אונטער פיס
און הימל איבער קאָפּ.
דו קוקסט זיך צו: עס בליט.
דו הערסט זיך איין: עס קוועלט.
דו פילסט: אויפגעוואַכטע וועלט.

אָבער באַלד אין לויטערן הימל
וועט זיך צוקוקן אָוונט.
דער בלאָ וועט זיין אַנדערש:
טונקעלער,
קאַלט
און וועט מוזן פאַרגיין.

נייגט זיך געדנאַק צום צווייפל
און בעט.
און שפּעטער — צום צאָרן
און שעלט.
אַז איך קאָן נישט דעם אומעט פאַרטרייבן
און קאָן נישט פאַרגעסן...

קוק איך אויף גראָזן
אַנטקעגן דעם מעריב.
אויף פעלדער — זיי טוליען זיך קינדיש
צום שלאָף,
דרעמלען געזיכערט,
און קלער:
פאָלק,
וואָס זענען דיינע פאַרלאַנגען?

— אָנרופן ס׳גליק פונעם לאַנד ביים נאָמען
און זען עס, ווי די פעלדרו
וואָס ליגט אויף די זאַנגען.

געבורט פון טאָג

די נאַכט האָט אָפּגערעגנט שטיל מיט שטערן
די ערשטע שעה
פון בלאָ.

אַ פויגל האָט מיט טרעל געלאָזט הערן:
דער טאָג
איז דאָ.

ווייס איך,
און גוט איז מיר צו וויסן:
ווי שיין ס'איז טאָגס געבוירן ווערן
אין בלאָען רעגן פון די שטערן.

נאָר געבן גיבן מיר ערשט דאַן דעם רום אים,
ווען אַ פויגל זאָגט אונדז אָן זיין קומען.

טויט פון טאָג

דער טאָג האָט נאָך אַ קוק געטאָן
מיט בלויען בליק.

נאָכאַמאָל האָט זיך דער ים
מיט זילבער־כוואַליעס
שטיל געטאָן אַ וויג.

און איבער בערג פון ווייטנס
גליוועדט בלאַס
אַן עכאָ
פון אַנטרונען גליק.

די זון האָט זיך אַ זעץ געטאָן
אין מערב ;
באַשפּריצט מיט בלוטיקן פאַרגיי
די פּאַלעם פונעם הימל.

האָט דער רוים אַ זיפץ געטאָן,
ווי ס׳טוט אַן אָבל שווער
אַ זיפץ אין דרימל,
און אויסגעלאָשן שטיל
זיין אויג — אַ פלעמעלע,
ווי ס׳גייט אוים נאָך שחיטה
תמימותדיק — אַ לעמעלע.

פרילינג אין מיין שטאָט

ווידער פרילינגט דער פרילינג. אַ לויב זיין בלוי וואָס דערקוויקט אונדז.
בליאונג איז בליאונג, און גוט וואָס זי זייט אירע ריחות
מיט חמסיניש ווינטל-פּאַרוויי אין פולן רוים פון מיין שטאָט,
ביי פּאָספּאָרדיקן שטערן-געשטראַל, ביים שיין פון פרילינג-לבנה,
דאָס האַרץ אויפצובריזן ביים מענטש דעם פאַרנאַרטן פון דופטן-פּאַרלאָק.

ווידער און ווידער ריח פון פּרדסים. אַ לויב זייערע ריחות די זיסע.
ריחות זענען ריחות, און גוט וואָס זיי שאַרפן די חושים:
רעגן-אָן דעם זכרון און פירן אים דורך בילדער אויף בילדער, ווי לעגנטעס,
וואָס קאָלירן פאַרמאָגן זיי נאָענטע און ווייטע פון וועלטן נישט-היגע,
אין זיי טוט דער מענטש פריש באַנייען די טרוימען געטרוימטע ביז אייביק.

און ווידער מיין שטאָטישער ים-דונסט. אַ לויב מיין ים פאַר זיין בלויען.
ים איז דאָך ים, און גוט אַז זיין גרעניץ און אָפּהאַלט — די זאַמדן
געשלייפט און געשלייפט פון די כוואַליעס ביז גלאַנציקע שפּיגלען פון גאָלד,
אין זיי זאָל בענקשאַפט זיך שפּיגלען — אַ זעגל האָריזאָנטיק פאַרפלאַטערט
באַגלייט פון מענטש-אין-פאַרטראַג מיט ציטריקן באַנג אין די קני.

ווידער און ווידער די שטאָטישע גערטנער. אַ לויב זייער שפע פון בליען.
גאָרטן איז גאָרטן, פוין פאַר שטוב, און גוט אַז ער ברענגט דאָ צוזאַמען
טאָג-טאָג דעם מענטש מיט אָלעאַנדער, וואָס טרייבט אַזאַ שפע פון בלומען,
און מיט דעם איינטאָגיקן צווייטל, היביסקוס רופט זיך זיין קוסטע,
דעם מענטש אָנצוזאָגן מיט אומעט פון טרויעריק-נאַכטישן אָפּוועלק.

ווידער און ווידער ס'פאַרחלומטע בלוי. אַ לויב זיין טיפן קאָליר-גלאַנץ.
בלוי איז בלויז בלוי, און גוט וואָס סע בלויט דאָ אַרום און אַרום אונדז.
און גוט, אַז דאָס ראָז פאַרבייט עס ווען ס'רויטלט אין מערב די שקיעה,
און מענטש יאָגט עס נאָך מיט גאַרן, און וועט עס נישט קיינמאָל דעריאָגן,
ווי דעם פויגל דעם בלויען, וואָס גוט איז אים נישט צו דערגרייכן.

ווידער און ווידער ליבלעכע רו-נעכט. אַ לויב דער רו ווען זי פעלט נישט.
נאַכט איז דאָך נאַכט, און גוט, אַז אַ חלום זי טראָגט אין די פליגל,
ער איז דאָך די רעטעניש איז ער, פאַר נשמה אַן אָנהאַלט אין צווייפל,
אין אים קומט מענטש צו זיין גאַרן, דערפילט די וואָרקייט פון טרוימען,
געשפּינטע נאַכט-נאַכט און פאַרשפּינטע אין בלאָ פון שויב דורך די שטערן.

חמסין

היץ!
חמסינען־היץ־געפֿלאַקער
פֿאַרקוילט דעם בלוי.

גרינס אַרום צעשריגן
רופֿט די וואַסערן אין דורשט,
רופֿט דעם טוי
מיט פֿאַרקוילטן־רוף פֿון בלוי —
חמסינען־היץ.

היץ!
חמסינען־היץ־געפֿלאַקער
טעמפּט דעם אַקער.

ערד אַרום צעשריגן
רופֿט די וואַסערן אין צאַפּל,
רופֿט דעם טוי
מיט טעמפּן־גלי־רוף פֿונעם אַקער —
חמסינען־היץ.

היץ!
חמסינען־היץ־געפֿלאַקער
שטאָלט דעם הימל.

לופֿט אַרום צעשריגן
רופֿט די וואַסערן־געווימלען,
רופֿט דעם טוי
מיטן שטאָל־רוף פֿון די הימלען —
חמסינען־היץ.

היץ!
היץ! —
חמסינען־היץ אין פֿלאַקער.

חמסין-נאַכט טרוים

אַז דער טאָג האָט אָנגעהיצט
גליִעניש אין נאַכט אַריין,
האָבן שטערן זיך צעבליצט,
אויסגעשטראַלט אַ צירקן־שיין.

ליגט די נאַכט און קוקט פּאַרטייעט. —
קוקט ביז ס׳פֿאַלט אין פֿליטער־פֿלירט
אַ געפּייף פֿון פֿאַלער שטערן,
אַ געבערום פֿון אַלע בערן
פֿונעם צירק.

צירק, געלייטערט און געלייטערט,
הימלט־אָן אויף אונדז זיין דאַך.
נאָר אַ ליִ׳ל, פֿינקל־פֿלינק,
כאַפּט דעם הימלדאַך ביים רינג,
הייבט אים, הייבט אים און דערווייטערט,
אויף להכעיס מער און מער,
נענטער צו צום גרויסן בער.

אָבער זע נאָר, ווי עס ווערן
מיט אַ כּישוף בלאָע בערן;
אין אַ נאַכט פֿון היץ־פֿאַרצערונג
ווידער דימעטיקע שטערן.

און דער צירק מיט בערן, הינט,
הייבט זיך, הימלט און פֿאַרשווינדט,
און אין אַלרוים מיט איין מאָך
טוט דער הימלדיקער דאַך
פֿאַר די אויגן מיט אַ ווימל
אַ פֿאַרפּלי — —

און מיר פֿילן אויף די אַקסלען
אָנגעוואָרפֿן אונדז פֿון הימל —
פֿלאַכטעם גלי.

דער ים מיין בענקשאַפט

דער ים איז מיין בענקשאַפט —
פון מיין פלאַפּלדיקער שטאָט איך גאַף ביי זיין ברעג אָוונט-אָוונט,
אויף דער פרייקייט וואָס וויגט זיינע כוואַליעס, אויף דער זון
וואָס זעצט זיך איבער גאָלדן-האָריזאָנטיקע טרעפּלעך,
און נידערט גרוים, צעגליט ווי אַ וווּנדער.

דער ים איז מיין בענקשאַפט —
מיט מיין זאָרגעדיקער שטאָט איך ציטער ביי זיין ברעג אָוונט-אָוונט,
און פריי זיך ווען כ'זע אים די שטורעמס באַהערשן, ווען כ'זע אים
באַרואיקט ווי שקיעה אויף פעלדער, און לאַשטשעט
דעם זאַמד צעשפּילט און צעפינקלט.

דער ים איז מיין בענקשאַפט —
ווי מיין שטאָט באַגאַסן מיט ליכט כ'גיי-אויף מיטן ברעג אָוונט-אָוונט;
זיין צויבער פאַרלאָקט מיך, פאַנגט מיינע טריט,
איך נידער אין וואַסער און זינג אויפן קול — —
דער ים איז מיין בענקשאַפט.

פאַנטאַסטיק

קום לאָמיר פאַרטריפן די גאַרונג אין זאַמד
און שיפלען אין טריט פון רמזים;
דאָס שיפל חלומט ביים ברעג
פון שקיעות וואָס דרעמלען פאַרטייעט
אין בלוי־קרישטאָלענע וווּנדער היכלות
פון שטילע ימיקע טיפן.

אַט דרעמלט דער ים נאָכן שטיפן
מיט כוואַליעס צעפּליסקעט אַרום,
און ס׳שיפל חלומט ביים ברעג
שחריתדיק הויכגאַנג פון זון,
נעפּל־געקנויל צו די הייכן
ווי דין שעמערירטע וואָלן.

אַט איז דער ים צוגעפאַלן,
צום האָריזאָנט איז דער ים צוגעפאַלן.
און ס׳שיפל חלומט ביים ברעג:
האָריזאָנטן מיט סודות פאַרצוימטע
עפנען זיך, לאָקן, פאַרלאָקן,
און ס׳קומט־אָן דער שיפער פאַרטראַגן
די גאַרונג פאַרטריפן אין זאַמד
און שיפן אין טריט פון רמזים.

אינהאַלט

זייט

אויסדויער 5
געטלעך 9

לידער פון דער שויב אַרוים

געבורט 15
אין שויבן־רוים 16
בלאָע לעגענדע 17
שטילע התפעלות 19
ניכטער 20
אָפּגעגאַרט 21
דריי שויבן 22
שווייגעניש 23
איין גורל 24
לעילא 25
דערלייזונג 26
פאַרשוואָנקענער חלום 27
גענאָד 28
מיטלייד 29
ביי דער שויב 30
אין קלעם 31
געטראָנקענע שטערן 32
שטערנפאַל 33
שויבן 34
אַ מעת־לעת אין שויב 35
רעלאַטיווע וואָר 37
אייביקייט 38
נאַכט אין פענצטער 39
אַ תפילה 40

זייט

פאַרלוירענער גאַנג

טרוים־וואָר 45
חלום פון ווערן א. 46
גליאיקע לאַנדשאַפט ב. 47
קיום ג. 48
אַלאַרם ד. 49
פאַרלוירענער גאַנג 50
אין שאָטן פונעם הינטישן פגר 51
תכלת־קאָליר 53

לידער פון דער תקופה

נאַכט 55
טאָפּלט געפיל 56
אין צעריס 57
אַליינקייט 58
צוליבן אומעט 59
גורל 60
וואָר 61
דער אײלבירס חלומט 62
צו מיינע חברים 64
אַ ווונטש 65
זאָג ! 66
ליכט 67
אַ מעשהלע בלויז 68

נשמה־לאַנדשאַפט

דערהויבונג 73

זייט

דער צוג צו זיך
קרוינונג 74
דאָס גרייטן דעם צוג 75
די רעדער 76
פּעגאַסוס 77
זעלישער אָנלען 78
נשמה־לאַנדשאַפט 79
אַ פּשוטער אמת 80

צייכנס אין רעגן
בראָך־און קלאָגליד 81
געהיימעניש 82
ווידערצייכן 83

פאַרשניטענע פליגל פון בענקשאַפט
די שטים פון מיין לעבן 85
פאַרלוירענער פלי 87
צום הי וואָס איז דאָרט 88
פון איצט־אָן... 89

לידער פון פאַרגאַנגענעם טאָג
אילוזיע 90
חיות 91
שטאָפּלען 92
אַ לץ 93
שפּאַט 94
דאַרפּרוכט 95
פּרוכטנפאַל 96

רשות היחיד
פאַרקנסונג 101
אָדלערפלי 102
רשות היחיד 104
צער 105

זייט

דער סנה 106
פאַרשעמט 107
אַ תפילה 108
קאַמיש 109
אויסטויש 110
ווי טאָג? ווי נאַכט? 111
אין דערוואַרטונג 112
פאַרגאַנגענהייט 113
פאַרטונקלטער טייך 114
בלוטיק ליד 115
פרילינג א. 116
" ב. 117
קנאה 118
אַ שטראַל 119
קיינמאָל 120
שפּעט 121
געוועט 122
מיין פאַרמעג 123
באַלוינונג 124
אַ טראָפּן טוי 125
יגוניה 127
געזאַנג צו דער נאַכט 128

פון וואַרשטאַט
געבורט 129
טיפקייט 130
דער ספק 131
עכטקייט 132
גוטע קריטיק 133
אַ תפילה 134

לידער פון שטראַליקן טרויער
עקדה 139
די נעכט דאָ... 140

	זייט
באַלאַדע וועגן 29־טער נאָוועמבער־נאַכט 1947	141
דער טויער פון טרויער	143
דער שטראַליקער טרויער	144
אויסגעהאָפטער טאָג	145
מוטער און פאָן	146
מאַרש פון געבויגענע פאָנען	148
לאָרבערקראַנץ	149
דער אַיל	150
ציִנד נישט אָן דאָס ליכט	151
אַ לויבליד דעם טרויער	152
אַ ווונטש	153
באַלאַדע פון מאַמע־אויגן און ווייגל אין שויב	154
באַלאַדע פון סנה אין מדבר	155
ירושלימס גרויסע שעה	157
באַלאַדע פון כותל אין באַרג	158
צו די פאַריתומטע עלטערן	160
באַנייאונג	161
תפילה צום טאָג	162
טויט פון טרויער	163
אחרית־טאָג	164

גאָלד אין פאַרגיי...

האַרבסט־אַקאָרד	169
חמסין־פיבער	170
געמיט	172
גילדענע עפּאָלעטן	173
האַרבסט־זון	174
ווידערשפּעניק	175
האַרבסט אין מינאָר	176
פאַרנאַרט	177
גאָלד אין פאַרגיי	178

לידער פון דער ווייטער שטילקייט

	זייט
טעג, ווי קאָן איך	183
רחמנות	184
נעכט, מיטנאַכט אין שפּיטאָל	185
חושך־לאַנד	187
שעהן, אַ באַגער	188
בלוט־טראַנספוזיע	189
מינוטן, פאַרן פיבער	191
אין פיבער	192
נאָכן פיבער	193
חצות אין שפּיטאָל	194
" " " ב. ג.	195
" " " ד.	196

אין שטילן גליי

אויפן כרמל	201
פאַלשער מזמור	202
לאָמיר גיין...	203
דער כרמל שלאָפט איין	204
ווינטער אויפן כרמל	205
אַ דאַנק	206
דער טויט פון היביסקוס־בלום	207
וואָרנונג	208
קאַטאַסטראָפע	209
דעמערונג־שאַלן	210
דער פאַרנאַכט חלומט	211
אין פעלד	212
געבורט פון טאָג	213
טויט פון טאָג	214
פרילינג אין מיין שטאָט	215
חמסין	216
חמסין־נאַכט טרוים	217
דער ים מיין בענקשאַפט	218
פאַנטאַסטיק	219

"Menora" Publishing House
24, Sangvill str. Tel-Aviv
Israel